STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02613

DI SHPANISHE INKVIZITSYON

N. M. Shaykevitsh

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פרייז 10 סענט.

דיא
שפאנישע אינקוויזיציאן

א טראגעדיע אין פינף אקטען.

— פון —

נ. מ. שייקעוויטש (שמר)

פערלאג פון

ב. ראבינאוויטץ,

398 גרענד סטריט, ניו יארק.

Copyrighted 1900 Washington D. C.
The rights of the stage belong to the author

פאררעדע.

דיעזע טראגעדיע האָב איך פערפאַסט אין'ם יאהר 1884 איך האב זיא ענטנאָמען פון מיין אייגענעם ראָמאן „חתן דמים,“ זיא איז צום ערשטען אויפגע־פיהרט געוואָרען אין ניקאָלאיעוו אין'ם יאהר 1885.

נור איין טראגעדיע פון טויזענד קען אזא ריעזען־ערפאָלג האבען וויא דיע־זע טראגעדיע האָט געהאט. זיא האט אנגעריהרט דעם יודענס הערצענס־סטור־נע און דער עבאָ פון דעם יאממער פון דיא טויזענדער יודען וואס זיינען פערברענט געוואָרען אין דער פערפלוכטער שפאניען מיט הונדערטער יאהר צוריק, האט זיך אין אללע יודישע הערצער אבגערופען זעהענדיג דיא סצענען פון דיעזער טראגעדיע.

זיא איז נאכהער אין דער גאנצער וועל , וואו נור מען האט יודיש טהע־אטער געשפיעלט, אויפגעפיהרט געוואָרען. און איבעראל האט זיא דעם יודישען פובליקום צו טרערען געבראכט.

אין ניויאָרק איז זיא אונצעהליגע מאל געשפיעלט געווארען און האט אונ־בעשרייבליכען בייפאל געהאט, איך גלויב דאס אויך לעזענדיג דיעזע טראגעדיע וועט דער לעזער דאס גרעסטע פערגניגען האבען.

דיעזע טראגעדיע האט געהייסען „קין“ אָדער „דער ברודער מערדער“ נור דיא היזיגע אַקטיערע האבען זיא א נאָממען געגעבען „שפאנישע אינקוויזיציאָן“ חאָטש דער אָרט פון דער האנדלונג איז פאָרטוגאל. ווייל דיא דראמא איז דעם פובליקום בעקאנט אונטער דעם נאממען שפאנישע אינקוויזיציאָן בין איך געצוואונ־גען בייא דעם נאממען צו פערבלייבען.

דער פערפאסער..

S. I.

פערזאנען.

פעליקס על-מעדזועע אנ׳אלטער פארטוגעזישער גראף.

פולטאן געהיימער יודע זיין לעהרער.

איזאבעללא פולטאנ׳ס פרויא.

גבריאל }
אדמאן } זייערע קינדער.

דזאקווינה אדמאנ׳ס טאכטער.

ערינה גבריאל׳ס טאכטער.

פעדרא דזאקווינא׳ס ברויטיגאם.

מענדעס מאנאך.

גראסס-אינקוויזיטאר.

פריסטער, סאלדאטען, פאלק.

ערשטער אקט.

ע ר ש ט ע ס ב י ל ד.

(א רייכער זאאל בייא פעליקס על־מעדזעע.)

פ ע ל י ק ס (גייט ארום הין און צוריק פארטראכט.)

ג ב ר י א ל (שפיעלט זיך מיט קינדישע שפיעלצייג.)

פ ע ל י ק ס (שטעלט זיך אפ קוקט אויף גבריאל׳ן) געננג דיר גבריאל אזוי שפעט צו זיצען, געה שוין מיין קינד לייג דיך שלאפען.

ג ב ר י א ל איך וועל מיך באלד לייגען פאפא, וועסטו מיר קויפען מארגען נאך א פערד?

פ ע ל י ק ס יא, איך וועל דיר קויפען.

ג ב ר י א ל און א קליין עקיפאזשעל וועסטו מיר אויך קויפען?

פ ע ל י ק ס איך וועל דיר קויפען א קליין עקיפאזשעל אויך, (זעצט זיך נעהמט איהם צווישען זיינע קניע, גלעט איהם דאס קעפעלע) זאג מיר מיין קינד וויא הייסט דיין פאטער?

ג ב ר י א ל (פערוואונדערט) וואס איז א פאטער אויך א פערדיל?

פ ע ל י ק ס (לאכט) ניין מיין קינד, א פאטער איז קיין פערדיל.

ג ב ר י א ל וואס דען איז א פאטער?

פ ע ל י ק ס א פאטער איז א פאפא.

ג ב ר י א ל אזוי? ווייס איך שוין.

פ ע ל י ק ס דוא ווייסט וויא הייסט דיין פאפא?

ג ב ר י א ל דער לעהרער זאגט, אז דוא ביזט מיין פאפא, און דוא הייסט פעליקס.

פ ע ל י ק ס נוא, און וויא הייסט יענער פאפא?

ג ב ר י א ל וועלכער?

פ ע ל י ק ס (גיט א קוועטש מיט דיא אקסלען) אבער דיין מאמא ווייסטו וויא זיא הייסט?

גבריאל דיא מאמא וועלבע נים מיר קאָנפעקטען און פיהרט מיך אין שול אריין?

פעליקס (נייגעריג) יא, יא, וויא הייסט דיא מאמא וואָס גים דיר קאָנפעקטין און פיהרט דיך אין שול אריין?

גבריאל זיא הייסט מאמא.

פעליקס (אין א זייט) איך וועל פון איהם גאָר נים ערפאהרען — נוא געה שוין מיין קינד לייג זיך שלאָפען, איך וועל דיר מאָרגען קויפען א פערדיל.

גבריאל (פריילעך, קלייבט אויף זיינע שפּיעלצייג) איך געה פּאפּא (גים איהם א קוש אין האנד, לויפט אב.)

פעליקס (אלליין) איך קען דאָס גאָר נים פערשטעהן, דער פּריסטער פולטאן האט מיר געזאָגט, אז ער האט דאָס קינד געגנבעט בייא א יודישער פאמיליע, וויא זשע קומט עס, וואס דער קליינער גבריאל ווייסט נים וואס א פאטער איז, אויך פארשטייא איך נים, ווארום גים דער פרומער פּריסטער, דער פערפלוכטער יודישער פאמיליע נים איבער צו דער היילינער אינקוויזיציאן, נאך דעם קינד'ס ווערטער פערשטעה איך, אז זייא האבען א יודישע שול, וואו זייא ריכטען אב געווים זייער געבעט צו דעם יודישען גאָט דאָס קומט מיר זעהר זאָנדערבאר פאָר, אזא פרומער מאן וויא דער פּריסטער פולטאן איז, זאל ביי אזא זאך שווייגען, גיעבט עס דען א גרעסערע מצוה וויא יודיש בלוט צו פארגיסען, הא? מיר שיינט ער קאָמט איך מוז מיט איהם וועגען דעם שפּרעכען.

צווייטער אויפטריט.

פעליקס.—פולטאן.

פולטאן גוטען אבענד ליעבער פעליקס (קוקט זיך אום) וואו איז גבריאל, ער שלאפט שוין?

פעליקס ער איז גאָר וואס געגאנגען שלאָפען (פויזע) היילינער פאטער איך וויל אייך עטוואס פרעגען.

פולטאן פרעג מיין קינד (זעצט זיך)

פעליקס איהר זייט געוועזען אזוי פריינדליך, און האט מיך בעגליקט מיט אזא

מצוה, איך זאָל א יודיש קינד אין אונזער היילינער רעליגיאָן ערציהען, איך בין אייך איננינגסט דאנקבאר דערפאר, איך רעבען זיך גליקליך דאמיט, וואָס איך וועל קענען רעטען איינע זעעלע פון גהינום, איך וועל דעם קליינעם גבריאל'ן אימער א פאטער זיין, איהם אלס איין אייגען קינד בעטראכטען, איך וואונדערט אבער איין זאך.

פולטאן זאָג, וואָס וואונדערט דיך?

פעליקס דער קליינער גבריאל האט מיר ערצעהלט, אז זיין מוטער פלעגט איהם שטענדיג אין שול פיהרען, אלזאָ מוז זיין פאמיליע באַ־שטעהן פון פיעלע נעהיימע יודען, וועלכע האבען א יודעשע שול, פאר וואָס זשע שווייגט איהר, און מאכט פון זייא גיט א תל? פאר וואָס גיט איהר זייא ניט איבער דער היילינער אינקוויזיציאָן מען זאָל דיא פערפלוכטע יודען אין פייער ווארפען?

פולטאן (טראכט) זאָג מיר ליעבער פעליקס, פאר וואָס רופסטו שטענדיג דיא יודען מיט דעם שענדליכען בייא נאמען, „דיא פערפלוכטע.“

פעליקס (פארוואונדערט) וואָס איז דאָס פאר א פראגע, זיינען דען דיא יודען ניט קיין פערפלוכטע מענשען? זיינען זייא ניט דיא ערגסטע מענשען אויף דער וועלט? האבען זייא ניט אללע דעם טויט פארדיענט?

פולטאן ערקלער מיר אבער ליעבער פעליקס, פאר וואָס זיינען זייא דיא ערג־סטע מענשען אין דער וועלט, און פאר וואָס האבען זייא אללע דעם דעם טויט פארדינט?

פעליקס איך פארשטעה אייך גאָר ניט היילינער פאטער, ווער ווייסט דאָס ניט, אז דיא יודען זיינען דיא ערגסטע מענשען אין דער וועלט?

פולטאן יא, דאָס איז זעהר נאטירליך, אללע וויסען דאָס אבער יעדער וואַ־רום מוז האבען א דארום; א מענש טאר ניט נאכגעהן בלינד נאך דעם צווייטען וועהרענד ער קען אליין זעהן דעם וועג, זאָג מיר, ווארום פער־האסטו אזוי דיא יודען?

פעליקס דערפאר וואָס זייא זיינען יודען, זייא דינען צום יודישען גאָטט.

פולטאן (שטרענג) ווער איז דער יודישער גאָטט? איז דען דער יודישער גאָטט ניט דער נעהמליכער וואס דער קריסטליכער?

פעליקס (פערשעהמט) יא, דער גאָטט איז דערזעלבער, אבער זייא גלויבען ניט אין קריסטוס, זייא גלויבען נאָר אין משה'ן און היטען זיין תורה.

פולטאן נוא, און אז זייא גלויבען אין משה'ן און היטען זיין תורה וואס איז

דאָ פאר א חטא? האט דען משה געשריעבען אין זיין תורה, מען זאָל שלעכטעס טאָהן? דוא ווייסט דען ניט אז משה האָט זיין פאלק נאר גוטעס געלערנט, אין זיין תורה האט ער נור גוטע זיטען געשריעבען, אזעלכע זיטען וואָס אויף זייא איז דיא מענשהייט געגרינדעט, פארעהערט דען ניט אויך דיא היילינע קירכע משה׳ס תורה? האט זיך דען אויך דער געטליכער קריסטוס ניט בענוצט מיט משה׳ס תורה אין זיין נייעם טעסטאמענט.

פעליקס זייא גלויבען דאך אבער ניט אין קריסטוס,

פולטאן אין דעם זיינען זייא ניט שולדיג, וויל זייערע עלטערען האבען זייא געלערנט, זייא זאָלען אויסער משה׳ן קיינעם ניט גלויבען, געה נאָר אריין אין זייער לאגע, ווען מען זאלל, צב״ש דיך צווינגען דוא זאָלסט אין דעם מאחמעד גלויבען, אבוואהל דוא ווייסט, אז דער מאחמעד האט זיך אויך נאָר צו גוטען געצילט, וואָלסטו געגלויבט? אָ יא דאָס וואָלט דיר אונמעגליך געווען וויל דיינע עלטערען האבען דיך געלערנט, דוא זאָלסט אויסער קריסטוס קיינעם ניט גלויבען.

פעליקס דאס איז זייער לאָגיש, נוא, וועל איך אייך הייליגער פאטער פרעגען פאר וואָס זיינען דיא יודען אין אמת׳ן אזוי פערהאסט, אז מען רעבענט פאר דער גרעסטער מצוה זייא דיא גרעסטע יסורים אנטאהן?

פולטאן זעהסטו, דאס איז גאָר איין אנדער פראגע, נאר פאר וואָס האסטו דאָס ביז אהער ניט געפרעגט? דוא האסט געזעהן פאסט יעדען טאָג וויא מען האט דיא אונגליקליכע יודען געברענט דיא גרעסטע שמערצען אנגעטאָהן און אין דיר האט זיך זאָגאר ניט איין פונק מיטלייד ערוועקט אויף דיא עלענדע פערפאָלגטע מענשען, אין געגענטהייל, דוא האָסט גאָר פערגעניגען געהאט צו זעהן וויא זייא מוטשען זיך, איך וויים, אז דוא פלעגסט געהן צו דעם אויטא—דא—פע, וואו מען האט יודען אין פייער געוואָרפען וויא אין טהעאטער, נוא ענטפער ווארום האסטו מיך קיין מאהל געפרעגט פאר וואָס קומט דאס זייא?

פעליקס איך וועל אייך זאָגען דיא וואהרהייט, אז איך וויים ניט וואָס איך זאָל אייך ענטפערען.

פולטאן אזוי וויא דוא ווייסט ניט וואָס צו ענטפערען, אזוי וויסען ניט אללע פאָרטוגעזען דיא אורזאכע פאר וואס זייא האבען דיא יודען אזוי פיינד.

פעליקס איך רעכען אָבער, אז דאָ מוז פאָרט עפעס זיין, דען וויא איז דאָס מעגליך, אז מיליאָנען מענשען זאָלען פיינד האבען איין זאך גאָר

אָה, א אורזאכע? וואו געפינען זיך ניט איינינע פון זייא, זייא זאָלען פארשטעהן, אז זייא טוהען אונרעכט דאמיט וואָס זייא פערפאָלגען דיא אונשולדיגע יודען גאָר אָהן איין אורזאכע.

פ ו ל ט א ן איך וועל עס דיר ערקלערען: „דיא געוואָהנהייט איז דיא צווייטע נאטור" האָבען דיא אלטע פילאָזאָפען געזאָגט, און דאָס איז זעהר ריכטיג, עס מעג דיא שרעקליכסטע זאך זיין, קוים ווערט מען דאמיט געוואָהנט קוקט מען אויף דעם גלייכגילטיג וויא אויף איין נאטירליכע זאך, עס זיינען דאָ צב"ש א זעלכע פעלקער וועלכע עסען מענשען פלייש, און דאָס שמעקט זייא בעססער וויא אללע שפייזען ווען דוא זאָלסט איינעם פון דיא מענשען פרעגען וויא האסטו אזא הארץ צו עסען דאָס פלייש פון אזא מענשען וויא דוא ביזט וועט ער דיך וויא א משוגענעם אנקוקען, ער וועט זיך פערוואונדערן וואס דוא ביסט אזוי נאריש און ווייסט ניט וואס גוט איז, ווייל ער איז שוין דאמיט געוואָהנט, קומט דאס בייא איהם אוים גאנץ נאטירליך, דאס זעלבע איז אויך דער האסס געגען דיא יודען, מען איז שוין געוואָהנט צו בעטראכטען דעם אונגליקליכען יודען וויא א ווילדעס טהיר, איהם פערפאָלגען, איהם דיא גרעסטע יסורים אנטאָהן, אזוי, אז בייא פאָרטוגעזען איז שוין דאָס אלס נאטירליך אנגענומען געוואָרען, און ווען דוא וועסט פרעגען, פאר וואָס קומט דאָס, מען זאָל דעם יודען אזוי פיעל יסורים אָנטאָהן, איז ער דען ניט אזא מענש וויא אללע? וועט מען דיך בעוואונדערן ווארום פערשטעהסט דוא ניט אז מען מוז דעם יודען פערפאָלגען, א צייכען האסטו, אז מיינע רייד זיינען לאָגיש, בעטראכט נאר אין אנדערע לענדער וויא צב"ש אין פראנקרייך, דאָרט האָט מען אויך אזוי פערפאָלגט דעם יודע אזוי וויא דאָ, נאָר זייא האָבען זיך ארומגעזעהן אז זייא טוהען אונרעכט האָט מען דעם יודען אויך אלס מענש אָנגעהויבען צו בעטראכטען, און מען האָט איהם דיא זעלבע פרייהייט געגעבען וואָס דיא קריסטען האבען.

פ ע ל י ק ס (נעהמט פולטאָן בייא דער האנד) איך דאנק אייך זעהר היילינער פאטער וואס איהר האט מיר דיא אויגען געעפענט איך וועל שוין פון היינט אָן און ווייטער אויף דיא אונגליקליכע מיט אנדערע בליקען קוקען.

פ ו ל ט א ן איך האָב מיך דאָ פארעדט און האב גאָר פערגעסען, אז איך האב נאָך זייער פיעל צו טהון, אדיע ליעבער פעליקס, מיך פרעהט זעהר וואס מיינע רייד האבען אויף דיר געווירקט נאָטט זאָל געבען, אז אללע אונזערע קריסטען זאָללען זיך ארומזעהן, אז זייא באגעהען זיך ווילד און טיראניש געגען דיא אונגליקליכע יודען.

פעליקס (קושט איהם דיא האנד) צום וויעדערזעהן הייליגער פאטער (פולטאן אב) יא, דער פריסטער פולטאן איז זייער גערעכט מיר באנעהען זיך ווירקליך אונמענשליך געגען דיא אונשולדיגע יודען, א שאנדע עהרענוואָרט! אזוי פיעל מילליאָנען מענשען זאָללען זיין אזוי בלינד, דאס איז איינע אונפערצייה־ ליכע זינדע.

דריטער אויפטריט.

מענדעס.

מענדעס גוטען אבענד הערר על־מעדזעע, גוט וואָס איך האב אייך דאָ אלייז געטראָפען, איך האב אייך וויכטיגעס מיטצוטהיילען.

פעליקס (נייגיריג) וואס איז פאר נייעס?

מענדעס איהר געדענקט פעליקס, וויא מיר האבען דיספוטירט וועגען אייער לעהרער דעם פריסטער פולטאן, איהר האָט געזאָגט אז ער איז דער פיינסטער מענש אין דער וועלט.

פעליקס איך זאָג דאָס יעצט אויך.

מענדעס און וואָס וועט זיין ווען איך וועל אייך פערטרויען א געהיימניס אז דער פיינסטער מענש איז א געהיימער יוד.

פעליקס וואס? פולטאן איז א געהיימער יוד?

מענדעס יא, ער איז א געהיימער יודע, איך קען דאָס אייך איבערצייגען.

פעליקס מיט וואָס קענט איהר דאָס מיר איבערצייגען?

מענדעס איך וועל אייך פיהרען צו זיין ווייב און קינד.

פעליקס צו זיין ווייב מיט זיין קינד?

מענדעס איהר וואונדערט זיך, איהר ווילט דאָס גאָר ניט גלויבען, איך האָב דאס אויך ניט געגלויבט, ביז איך האב זיך אליין ניט איבערצייגט אז דאָס איז ווירקליך אזוי.

פעליקס אבער מיט וואָס קענט איהר עס איבערצייגען.

מענדעס איך זאָג דאָך אייך, אז איך וועל אייך פיהרען צו זיין ווייב און צו זיין קינד, אויב איהר ווילט וועל איך אייך דערציילען וויא אזוי איך האָב דאָס ערפאהרען.

פעליקס דערציילט.

מ ע נ ד ע ס איך האב געוואָרפען א חשד אויף פולטאנען שוין זייט 3 מאָנאַט, דען איין מאל אלס איך בין מיט איהם צוזאַמען געזעסען און האב גערעדט, איז פון זיין טאש ארויסגעפאלען א רעוואָלווער, מיר איז באַלד איינגעפאלען דער געדאנק אז דאָס איז ניט גלאַט, ווייל איך וויים, אז פיעלע פון דיא געהיימע יודען טראָגען שטענדיג רעוואָלווערען מיט זיך, ערשטענס צוליעב דעם זייא זאָלען זיך קענען דאמיט רעטטען ווען מען פאלט זייא איבער, צווייטענס, זייא זאָלען זיך קענען אליין ערמאָרדען ווען זייא האבען קיין מיטעל צו ענטלויפען אום זייא זאָלען זיך ניט דארפען מוטשען אין געפענגנים, און זאָלען בעפרייט ווערען פון דיא יסורים וואָס מען טהוט זייא דאָרט אָן, פון דער מינוט אָן, האָב איך אנגעהויבען צו לויערען אויף אלע זיינע טריט, און האב ענדליך בעמערקט, אז ער געהט אללע נאַכט אין דער שמאָלער גאס וואָס פאר דעם טעמפעל סאן ווינצענטא דע פראָאי, און קומט דאָרט אין א הויז אריין וואו ער בלייבט נעבטיגען, איך האב אנגעהויבען פאנאנדער צו פרעגען ווער אין דעם הויז וואָהנט, און האב ערפאהרען, אז דא קוואַטירט א יונגע פרוי מיט איהר קליינעם זאָהן דאָ האב איך פערשטאנען אז דער פריסטער פולטאן האָט געהיימע געשעפטען מיט דער יונגער ווייביל, איך וועל אייך ערצעהלען אין קורצען, אז איך האב שוין פון דעם הויז ניט אבגעטרעטען, ביז איך האָב דורך א שפּאַלט פון א לאָדען געזעהן, וויא פולטאן, איינגעהילט אין א יודישען טלית האט אבגעריכט זיין געבעט, און האב אויך געזעהן, אז דיא פרוי איז זיין ווייב.

פ ע ל י ק ס ניין, עס קען ניט זיין, איך גלויב עס ניט.

מ ע נ ד ע ס אבער וואָצו דארפט איהר מיר גלויבען, קומט לאָמיר געהן, איך וועל אייך פיהרען גלייך צו איהם א היים, ער מוז שוין געוויס דאָרט זיין, ווייל יעצט איז שוין שפּעט, איהר ווייסט נאָך וואָס איך וועל אייך זאָגען, אז נאך מ־ין מיינונג האט ער דעם קליינעם גבריאל'ן צו אייך געבראַכט אויף מיט א מיין.

פ ע ל י ק ס וואָס פאר א מיין?

מ ע נ ד ע ס דאָס קינד מוז זיין פון זיין פאמיליע, האָט ער איהם צו אייך געבראכט, איהר זאָלט איהם ערציהען אלס אייערס איין אייגענס אום ער זאָל אייך ערבען.

פ ע ל י ק ס איך בין נייגיריג צו זעהן אויב אייערע ווערטער זיינען ריכטיג, קומט פיהרט מיך צו דעם הויז.

מ ע נ ד ע ס קומט וועל איך אייך איבערצייגען, אז איך בין קיין ליגנער. (ביידע אב).

צווייטעס ביל ד.

(בייא פולטאן אין הויז.)

ערשטער אויפטריט.

איזאבעללא (אלליין, נעבען א בעטעל, וואו עס שלאָפט א קינד.)

1.

שלאָף זאנפט מיין ליעבעס קינד
שלאָף רוהיג זיס און גוט,
זאָרגלאָז ביזטו דאָך אצינד
ווייסט נאָך גאָר פון לײדען ניט
ביזט נאָך אין דער וועלט ניט געוועזען
גוטע ענגלען שטעהן ארום דיר
ועסט עלטער ווערען וועסטו דערזעהן
צרות לײדען גאָר אָהן א שיעור

2.

שלאָף זאנפט מיין ליעבעס קינד,
אך ביטער פינסטער איז מיר
איך פערליר מיין געזונד
ווען איך גיב א קוק אויף דיר
איך זעה שוין, וואס שפּעטער וועט זיין
וויא מען פערגיסט דיין ריינעס בלוט
ניט ווייל דוא ביזט א שלעכטער מאן
נאָר דערפאר וואס דוא ביזט א יוד

3.

שלאָף זאנפט מיין ליעבעס קינד
שלאָף רוהיג זיס און גוט
גליקליך ביזטו אצינד

וואָס דוא קענסט דיא וועלט ניט
וועסט עלטער ווערען וועסטו געפינען
צרות ליידען אויף יעדען טריט
דיין בלוט וועט איבעראל רינען
נאָר דערפאר ווייל דוא ביסט א יוד.

אך גאָטט! ביז וויא לאַנג נאָך וועסטו אזוי מארטערן דיינע געטרייע קנעכט, וויא לאנג נאָך וועלען מיר זיך דארפען שרעקען פאר דעם מינדסטען גערויש, מע' זאָגט דאָך, אז דוא קענסט קיין אונרעכט ליידען, וויא אזוי זשע קענסטו דאָס צו קוקען וויא מען דריקט און מען שטיקט אונז, וויא מען פערגיסט אזוי וויא וואסער אונזער בלוט, עפען דאָך אויף גאָטט פון אברהם, דיא בלינדע אויגען פון אונזערע שונאים, זייא זאָלען זעהן, אז מיר זיינען אויך אזעלכע מענשען וויא זייא (זיפצט און פערטראכט זיך).

צווייטער אויפטריט.

פולטאן.

איזאבעללא (בעמערקט איהם ניט, ער לייגט ארויף זיין האנד אויף איהרע שולטערן, זיא שפרינגט אויף.)

פולטאן (לאכענד) וואָס האסטו דיך אזוי דערשראָקען מיין לעבען?

איזאבעללא איך בין געזעסען אזוי פערטראכט, דאס איך האב גאָר ניט גע־הערט וויא דוא ביסט אריינגעגאנגען.

פולטאן ווענען וואָס האסטו זיך אזוי פארטראכט ליעבע איזאבעללא?

איזאבעללא איך האב מיך פערטראכט ווענען אונזער פינסטערער לאַגע, וואָס וועט זיין דיא ענדע פון אזא וויסט לעבען, ווארום זאָלל איך דארפען מורא האבען צו זאָגען אז דוא ביסט מיין מאַן, און דוא זאָלסט ציטערען, מען זאָל ניט ערפאהרען, אז איך בין דיין ווייב, און וואָס וועט זיין דער סוף פון אונזערע קינדער, דיא עלענדע שעפעלאך וועלען אפילו גאָר ניט וויסע' ווער זייער פאטער איז.

פולטאן דאס איז אבער אזא קראנקהייט, צו וועלכער ס'איז קיין רפואה ניטא דארום מוזען מיר זיא מיט געדולד ערטראגען, דען וואס וועט אונז העלפען דאס זיפצען און קלערען, אונזער גבריאל'ן האב איך אין גוטע הענד

איבערגעגעבען, ער האט שוין איין צערטליכען פאטער, און ווענען אונזער דוד'ן, וועל איך מסתמא אויך באקלעהרען עפעס א מיטעל איהם צו פארזארגען.

איזאבעללא וואס טוהט דאס קינד פולטאן, וואס מאכט אונזער גבריאל?

פולטאן ער איז גאטט זייא דאנק מונטער, פרעהליך, ער האט דיך שוין אין גאנצען פערגעסען.

איזאבעללא וויא אונגליקליך איך בין, אז איך דארף מיך טרייסטען דאמיט וואס מיין קינד האט מיך אין גאנצען פערגעסען, אז מיין ליעבער זאהן וועט ניט וויסען ווער זיין מוטטער איז (וויינענד) א מיין ליעבער איך קען נאר אזעלכע געדאנקען ניט איבערטראגען.

פולטאן דוא מוזט זייא איבערטראגען, דוא קענסט פערשטעהן, אז מיר איז דאס אויך אזוי שווער וויא דיר, איך וואלט אויך וועלען מיין קינד אויף דיא הענד האלטען, צודריקען איהם צו מיין ברוסט, און זאגען פאר אללע, אז דאס איז מיין קינד, איך וואלט זיך אויך ערקוויקט ווען מיין קינד זאל מיך רופען פאטער, וואס קען מען אבער העלפען, ווייסט דוא דען ניט, אז ניט וויא א מענש וויל, אזוי געהט דאס איהם.

איזאבעללא יא, איך מוז זיך שוין מוטה פאססען איך מוז בייא זיך אללעס רעכט מאכען, אבער דער געדאנק אז מיין גבריאל וועט זיך ערציהען בייא א קריסט אויף דיא הענד, און ער וועט אויך א קריסט בלייבען, דער געדאנק וועט מיך שטענדיג אונרוהיג מאכען.

פולטאן זייא רוהיג ליעבע איזאבעללא, ווענען דעם וועל איך שוין זארגען דער יונגער גראף פעליקס איז א מענש מיט פערשטאנד, איך האב איהם היימע אנגעפאנגען דיא אויגען צו עפענען, ער זאל זעהן וויא טיראניש זיינע ברידער בעהאנדלען דיא יודען, און איך האב אויף איהם שטארק געווירקט ער וועט שוין פון היינט אן דאכט מיר מיט אנדערע אויגען קוקען אויף דיא יודען און אויף זייער רעליגיאן, איך האף אז איך וועל מיט דער צייט אויף איהם אזוי פיעל ווירקען, אז איך וועל איהם גאנץ אפען זאגען וואס איך בין, און וועל נאך אויספיהרען, ער זאל אונזער גבריאל'ן אין דער יודישער רעליגיאן ערציהען (פעליקס, מענדעס בעווייזען זיך אין פענסטער.)

איזאבעללא ווען דוא זאלסט מיך נאר קענען מיט דער איין זאך בערוהיגען וואלט איך מיט אללעס זיין צופריעדען, אך ווען גאטט זאל נאר רחמנות האבען, און זאל אונז זיינע גנאדע ערצייגען, אזוי וויא א מאהל

מיר זאָללען קענען פרייא פאר דער גאנצער וועלט זאָגען אז מיר זיינען יודען, וויא גליקליך איך וואָלט געווען:

פולטאן דאָס מיין לעבען איז א פאלשע האָפפנונג מיר מוזען אונזערע נער־פיהלע, דא אין דעם ציממער ערשטיקען (מענדעס וויזט פעליקסען אויף פולטאנען און לאכט) דאָ אין דעם פארבארגענעם ציממער געהערען מיר איינס דעם אנדערן, דאָ געהערען מיר צו אונזער גאָטט, (מענדעס, פעליקס פארד שוואונדען) קוים אבער געהען מיר אין דער גאס ארויס, דאן מוזען מיר גאָר אנדערע געזיכטער וויזע (ען הערט קלאפען זייא ערשרעקען זיך).

איזאבעללא (פארברעכט דיא הענד) וועה איז מיר! מיר זיינען פערלאָרען!

פולטאן שרעק זיך ניט מיין לעבען, אונז וועט קיין שלעכטס געשעהן.

איזאבעללא ווער וויסט ווער דאָס קלאפט, ווען מען וועט דיך דאָ געפינען זיינען מיר ביידע אונגליקליך. (מען קלאפט שטארקער)

פולטאן (נעהמט ארויס זיין רעוואָלווער) איך בעט דיך שרעק דיך ניט דער וואָס וועט וואגען אהער אריינצוקומען וועט שוין פון דאנען לעבענ־דיג ניט ארויס.

איזאבעללא (וויינענד, האפט איהם בייא דער האנד) אָה פארגיס ניט קיין בלוט! מיין טהייערער פולטאן איך וועל דיר אין אנדער ראטה געבען (מען קלאפט נאך שטארקער).

פולטאן וואָס פאר א ראטה קענען מיר זיך דאָ געבען?

איזאבעללאָ דוא געה אריין אין צווייטען ציממער, פיליכט איז דאָס גאָר א שכנה אָדער אזוי א פרעמדער מענש, וועל איך זיך בעמי־הען זייא אָבפערטיגען, זייא זאָללען דיך ניט בעמערקען.

פולטאן (טראכט) וואס קען דאָס שאדען, איך וועל אזוי טהאָן (אב איזאבעללא עפענט דיא טהיר.)

דריטער אויפטריט.

פעליקס. — מענדעס.

מענדעס (קוקט זיך ארום) וואו איז ער דאָ אהינגעקומען?

איזאבעללא ווער?

מענדעס דער געהיימער יודע, דער שענדליכער פריסטער פולטאן.

איזאבעללא וועמען מיינען זייא הייליגער פאטער?

מענדעס איך מיין דיין געליעבטען, דעם געהיימען יודען פולטאן וועלכער איז דאָ ניט לאַנג בייא דיר געוועזען.

איזאבעללא דאָ איז קיין געהיימער יודע געוועזען היילינער פאַטער.

מענדעס דוא וואגסט מיר צו זאגען אזא ליגען, וועהרענד איך און דער הערר האבען געזעהן דורך דעם פענסטער דיין געליעבטען, דעם פריסטער פולטאַן. וואו איז ער?

פירטער אויפטריט.

פולטאַן (קומט אריין שטאָלץ.)

פולטאַן איך בין דאָ, נאר דוא האסט א טעות מענדעס דאמיט וואָס דוא מיינסט אז דיא פרוי איז מיינע א געליעבטע, ניין, זיא איז מיינע פרוי, און דאָס קינד וואס דא ליגט, איז מיין זאָהן.

פעליקס אייער פרוי פולטאַן?

פולטאַן וואס וואונדערסט דוא זיך אזוי עדלער פעליקס, דוא בעטראַכסט מיך נעוויס פאר א גרויסען פארברעכער, דען דוא ווייסט אז א קאטאָלי־שער מאנאך טאָר ניט הייראטהען, נאר איך האָב נעגען מיין רעליגיאָן ניט גע־זינדיגט, נאָר געגען דיינער, פון וועלכער איך האָב קיין מאל געהאלטען.

פעליקס איז דאס וואהר אז איהר זיינט א......

פולטאַן א יוד ווילסטו זאָגען? יא איך בין מיך מודה אז איך בין א יוד דיא פריסטער קליידער וועלכע איך טראָג האבען מיר נור געדינט אלס פאנצער פאר דיא פפיילען פון דער בלוט־גיערינער אינקוויזיציאָן.

מענדעס דוא ווייסט אָבער מיט וואָס דוא שמעקסט?

פולטאַן (לאַבענד) דוא ווילסט זאָגען, מיט דעם אַאוטא—דע—פע, מען וועט מיך דערפאַר פארברענען, נאָר גלויב מיר, אז איך האב קיין מורא פאר קיינעם אויסער פאר מיין גאָטט, דיך בעט איך עדלער פעליקס, דוא זאלסט אויף מיר ניט בייז זיין דערפאר וואס איך האב דיך ג:נארט, דוא ווייסט דאָך אז יעדער מענש וויל לעבען, וויא איך קען דיין גוט הערץ וויים איך, אז דוא וועסט מיך צו גוטען אורטהיילען, ווענען מיר איז מעהר ניטאָ וואָס צו רעדען, איך בין שוין אלץ איינס פערפאַלען, מיר בלייבט מעהר ניט איבער, איך זאָל דיך

בעטען, דוא זאלסט רחמנות האבען אויף מיין עלענדער פרוי און אויף מיינע קינ־דער, אויף דיינע הענד לאז איך איבער מיין עלטערען זאָהן גבריאל, און איך האף אז דוא וועסט ניט צו לאָזען יעמאנד זאָל שלעכטעס טאָהן מיין פרוי מיט מיין צווייטען זאָהן, (צו מענדעס) און דוא היילינער פאטער, וואָס דוא שטרעקסט שטענדיג אויס צו גאָטט דיינע אונריינע הענד וואס זיינען אויסגעשמירט אין בלוט פון אונשולדיגע מענשען, איך וויים, אז דוא וועסט באלד געהן דערצעהלען דעם גראָס־אינקוויזיטאָר אז איך בין א יוד, נאָר איך זאָג דיר פאראוים אז דוא וועסט מיך צו איהם אין דיא הענד ניט איבערגעבען, אויף מיין לעבען האט קיי־נער צו שאפען אויסער גאָטט און אויסער מיר, אדיע! (ער שיעסט זיך, פאלט צום באָדען.)

איזאבעלכא (שרייט ווילד) אָ וועה! מיין מאן מיין ליעבער גוטער מאן (פאלט וויינענד אויף זיין קערפּער.)

מענדעס איך וועל וועניגסטענס דער פערפלוכטער יודין צו דער אינקוויזיציאָן שלעפּען (וויל צו לויפען צו איהר.)

פעכיקס (פארשטעלט דעם וועג, ציהט זיין זעבעל, ניט א געשרייא) שטעה! (בלייבט שטעהן אין דער פּאָזע מיט דעם זעבעל).

פארהאַנג פאלט.

צווייטער אקט.

דריטעס בילד.

(בייא גבריאל'ן אין הויז, איין רייכער זאַאל אין 35 יאהר ארום.)

ערשטער אויפטריט.

(גבריאל זיצט נעבען טיש אנגעשפּארט דעם קאפּף אויף דיער רעכטער האנד שטארק בעזאָרגט, מענדעס זיצט אויך נעבען טיש און קוקט אויף איהם שאָקלענד מיט דעם קאָפּף.)

מענדעס געווג שוין גבריאל צו זיטצען אזוי פערזאָרגט, עס איז א שאנדע וויא קומט צו דיר אזא דומהייט צו זיין פעליעבט, און נאָך אין ווע־מען, אין אדמאנס טאָכטער.

גבריאל איך ווייס הייליגער פאטער, איך ווייס אז פאר מיר איז א שאנדע
איך זאל הייראטהען מט אדמאנס טאכטער, אבער ווייסט איהר
רען ניט, אז דיא ליעבע וויל פון קיין רעכנונג וויסען, איך האב מיך שוין גענוג
בעמיהעט דזאקווינען פון געדאנק ארויס יאגען, עס איז מיר אבער אונמעגליך,
מיין ליעבע צו איהר איז שטארקער פון דעם טויט, איהרע שעהנע בליקען פער־
וואונדען וויא שארפע פפיילען מיין ברוסט, גאטט ווייס וואס פון מיר וועט ווערען,
אויב איך וועל זיא ניט הייראטהען.

מענדעס פארגעס אבער ניט, וואס דיך ערווארטעט ווען דוא הייראטעסט
זיא, אללע דיינע בעקאנטע וועלען פון דיר ווייכען, וויל אללע ווייר
סען אז אדמאן שטאמט פון יודען, זיינע עלטערען ווארען פערפלוכטע יודען.

גבריאל איהר אליין האט דאך מיר געזאגט, אז איך וואקס אויך פון יודען.

מענדעס אבער קיין מענש ווייס דיעזע געהיימנים אויסער איך און דיין
וואלטהעטער פעליקס, אלע רעכנען דיך פאר פעליקס א זאהן, דער
עדלער פעליקס האט דיר זיין נאמען געגעבען און ער זאגט פאר אלע דאס דוא
ביזט זיינער א זאהן, אדמאנען אבער קענען אללע, אללע ווייסען אז ער שטאמט
פון יודען, שטעל זיך נאר פאר וויא פעליקסען וועט דאס פארדריסען, ווען ער
וועט ערפאהרען אז דוא האסט געהייראטהעט א מעדכען פון א יודישער
פאמיליע.

גבריאל ניין הייליגער פאטער, איך וויל אויף קיין זאך קוקען, און פון קיין
זאך וויסען, ווען דזאקווינה וועט ניט זיין מיינע האט מיין לעבען קיין
ווערטה ניט מיר איין ראטה ליעבער מענדעס וואס איך זאל דא טהאן.

מענדעס נוא ווען דוא קענסט אהן איהר ניט לעבען, הייראטהע זיא.

גבריאל (מיט א ביטערען שמייכעל) אייך איז גרינג אויסצורעדען געה הייראַ־
טהע זיא ווענדעט זיך דען דאס מעהר ניט וויא אן מיר? עס קען
דאך זיין, זיא זאל מיך ניט וועלען.

מענדעס (צארניג) וואס הייסט זיא וועט דיך ניט וועלען, אט דיא פערפלוכ־
טע יודין וועט......

גבריאל שא! דריקט זיך אזוי ניט אויס וועגען דער הימלישער טאכטער,
איהר זאלט זיך ניט וואגען מיר אין דיא אויגען אויף איהר א שלעכט
ווארט צו זאגען, שימפפט בעססער מיך, נאר גאטט זאלל אייך היטען זיא מיט
זאלכע ביינאממען צו רופען אין מיין געגענווארט.

מענדעס איך זעה אז דוא ביזט שוין פארקראָכען אין אזא בלאָטע פון וועל-
בע דוא וועסט קיין מאל ארויסקריכען, טהו זיך וואָס דוא ווילסט
און פרעג מיך קיין ראטה איך קען דיר דאָ גאָר ניט העלפען.

גבריאל איך בעט אייך הייליגער פאטער, איהר זייט דאָך אימער מיין לעהד-
רער, געוועזן לערענט מיך יעצט אויך, וואָס איך זאָל טהאָן, איך זאָל
דער געטטין ערדייבען, איך וועל אייך דאָס קיין מאל פארגעסען,

מענדעס (טראכט עטוואס) זאָג מיר נאָר, דוא האסט נאָך מיט איהר נאָר
ניט גערעט.

גבריאל ניין, מיר האט זיך נאָך ניט געמאכט אזא געלעגענהייט, איך זאָל
קענען מיט איהר רעדען, נאר איך פארשטעה אז זיא ליעבט
מיך נים.

מענדעס וויא זא פערשטעהסטו דאָס?

גבריאל זעהר איינפאך איך בעמערק דאס ווען איך געה ארויס און זעץ זיך
אויף מיין באלקאָן, און זיא זיצט דאמאלס אויף דעם באלקאָן פון
זייער הויז, וועלבער איז פונקט נעגען מיינעם, לויפט זיא באלד אריין אין שטוב
אדער זיא פארדרייט דעם קאָפף זיא זאָל מיך ניט אָנקוקען, איך בין שוין געוועזן
פיעל מאל אויף איהר זאָ בייז דערפאר, דאס איך האב זיך בעשלאָסען ווענען
איהר ניט מעהר צו דענקען מיך ציהט אבער דאָך נאָר צו איהר.

מענדעס דאָס איז נאָך קיין בעוויז דאס זיא ליעבט דיך ניט מעגליך דאָס
זיא שענקט דיר קיין אויפמערקזאמקייט ווייל זיא רעבענט נאָר
ניט אז דוא האָסט זיא ליעב, מעגליך דאָס ווען דוא וועסט איהר נאָר ערקלעהרען
דאָס דוא ווילסט זיא הייראטען, וועט זיא זיין העכסט צופריעדען, דען זיא וועט
פארשטעהן אז אזא רייכען מאן וויא דוא ביזט וועט זיא געוויס ניט געפינען.

גבריאל וויא וועט אָבער זיין, אז זיא וועט מיר ענטזאגען?

מענדעס דאַן וועל איך געפינען איין מיטעל זיא זאָל אונווילקלענד שרייען אז
זיא וויל דיינע פרויא זיין.

גבריאל צבי"ש וואס פאר איין מיטעל קענט איהר דאצו געפינען?

מענדעס איך וועל דיר באלד זאָגען (ער טראכט עטוואס) דוא וועסט אזוי
טהון (טראכט) דוא ווייסט דאָך אז אדמאן שטאמט פון יודען,
און וויא איך האב אין איהם בעמערקט ווייזט מיר אויס אז ער איז א געהיימער
יודע, ער איז אָבער צו קלוג מען זאָל קענען ריכטיג ערפאהרען דארום מוזט אזוי
טהאָן. (טראכט ווייטער).

גבריאל (אנגעדולד) נוא רעדט שוין וואס זאל איך טאהן?

מענדעס אום צו ערפאהרען דייטליך אז ער איז א יוד, מוזטו אנגרייטען א זיבענעהרינגען לייכטער מיט זיעבען ליכט.

גבריאל נוא וואס זשע וועט זיין אז איך וועל דאס אללעס צוגרייטען?

מענדעס פערשטעהסטו מיך בייא דיא יודען איז אזוי דער מנהג, (ער טראכט) פרייטאג צו נאכט צינדען זייא אן אין זייערע הייזער ליכט לכבוד שבת איך ווייס פאן א געוויסער קוועלע אז דיא עהיימע יודען האבען יעדער אין זיין הויז א זילבערנעם זיבענערעהרינגען לייכטער אין וועלכען זייא צינדען פרייטאג צו נאכט זיעבען ליכט אן.

גבריאל נוא זאל איך אויך ווערען א יוד און אנצינדען זיעבען ליכט לכבוד שבת?

מענדעס לאז מיך נאר ענדיגען וועסטו שוין פערשטעהן מיין עצה, וואס פאר א טאג האבען מיר היינט פרייטאג, זעהר גוט צינד שוין זיעבען ליכט אן אין א זיעבענערהריגען לייכטער און זאלסט זיי שטעלען אין אזא ארט אז אדמאן זאל זייא פון זיין באלקאן קענען זעהן, דא וועסטו לייכט קענען ערפאהרען צו ער איז א יוד, דען קוים איז ער א יוד וועט ער דערזעהענדיג דיינע ליכט מיינען אז דוא ביזט אויך א יוד, און וועט געוויס זוכען דיין פריינדשאפט ער זאל זיך מיט דיר קענען אויפרעדען און זאל דיר קענען ערצעהלען אז ער איז אזא יוד וויא דוא, און אז דוא וועסט שוין דאס אלעס ריכטיג ערפאהרען וועלען מיר שוין וויסען וואס צו טאהן.

גבריאל דאס איז זעהר א קלוגע עצה, איך בין אייך זעהר דאנקבאר פאר איהר, איך וועל אייך פאלגען.

מענדעס נעה זשע טאקע שוין און צינד אן דיא זיעבען ליכט, און שטעל זייא פונקט נעגנען אדמאנס הויז.

גבריאל גוט איך נעה שוין. (אב)

צווייטער אויפטריט.

מענדעס.

מענדעס (אליין) איך רעכען אז פון דעם שידוך וועל איך דא שיינע שדכנות געלד נעהמען, איך וועל דא דעם בעסטען חלק חאפען, דען

וען אדמאן וועט גבריאל'ן ענטזאגען, און גבריאל וועט דאָ מאכען דיא פּראָבע מיט דיא ליכט, קען דאך זעהר זיין, אז עס וועט זיך אויסלאָזען אז אדמאן איז טאקי א יוד דאן וועט זיך פאר מיר עפענען א שמאלץ גרוב, דאן אז איך וועל איהם אין מיינע הענד האלטען וועל איך פון איהם דיא הויט אראָפּשינדען, וויפיעל געלד ער האט וועט בלייבען בייא מיר, דערצו בין איך שוין א מייסטער איך וויים ניט וואס דעם גבריאל'ן איז געוואָרען נא דיר פּלוצלונג נאָר א פערליבעניש, ער פערשטעהט ניט דער נאַר וויא אונגליקליך ער וועט זיין, ווען ער וועט חתונה האבען מיט א יונג מיידעל, ער וואָלט פיעל קלינער געווען ווען ער זאָלל שוין גאָר קיין חתונה ניט האבען, ער זאל בעסער פארזארגען זיין טאָכטער, וועלכע איז פארליעבט איבער דיא אויערען אין פעדראָ פון פערייראַ, איך קען זיך גאָר קיין עצה ניט געבען, וואָס איך זאָל דאָ טאָהן, איך האב איהר צוגעזאָגט א איך וועל איהר בעהילפיג זיין, פעדראָ זאָל זיין איהר חתן, מיר דוכט אז זיא געהט, דאָ וועט זיך אנהייבען א נייע ליעבע אויף מיין קאָפּף.

דריטער אויפטריט.

מ ע נ ד ע ס.—ע ר י נ ה

ע ר י נ ה (לויפט צו ניט איהם א קוש אין האנד) איהר זייט דאָ הייליגער פאטער, אך וויא אונגעדולדיג איך האב אייך ערוואַרטעט, איהר האט מיר געוויס גוטע נייעס געבראכט.

מ ע נ ד ע ס וואָס פאר א נייעס האסטו פון מיר ערוואַרטעט?

ע ר י נ ה איהר האָט דאך מיר פערשפּראָכען אז איהר וועט זיך זעהן מיט פעדראַ'ן

מ ע נ ד ע ס איך האב זיך אָבער מיט איהם ניט געזעהן, דען איך האב קיין צייט ניט געהאט.

ע ר י נ ה אך הייליגער פאטער! וויא איך זעה אינטערעסירט אייך ווייניג פון מיר, ווען איהר וועט צענערען וועט שוין זיין אללעס פערפאלען אויב עס שוין ניט פערפאלען?

מ ע נ ד ע ס וואס הייסט פערפאלען?

עריגה ער וועט דאכט זיך א חתן ווערען פאר א אנדערער, אויב ער איז שוין קיין חתן ניט געוואָרען.

מענדעס (ערשטוינט) פאר ווען?

עריגה פאר אונזער שבנס טאָכטער.

מענדעס (נאך מעהר פערוואונדערט) פאר דזאקווינען אדמאנס טאָכטער?

עריגה יא פאר אדמאנס טאכטער.

מענדעס וויא פאלסטו אויס א זעלבעס צו קלערען.

עריגה ווייל איך האָב בעמערקט אז זייט אכט טאג, געהט ער אללע טאג צו אדמאנען, ער זיצט דאָרט אָפּ איינגע שטונדען, הייטע האָב איך גע־זעהן וויא ער איז געזעסען מיט דזאקווינען אין פענסטער זייא האבען זאָ פריינד־ליך גערעדט און אזוי ליבליך געקוקט איינער אויף דעם צווייטען אז איך האב געמיינט אז דער רוח נעהמט מיך צו.

מענדעס (טראכט עטוואס) גוט! נוא עריגה עס איז דאָ א האָפנונג פעדראָ זאל בלייבען דיינער.

עריגה (ערגרייפט זיין האנד און זאָגט מיט פייער) הייליגער פאטער, איהר וועט זיך קויפען איינע עוויג דאנקבארע פריינדין. (לויפט ארויס)

פירטער אויפטריט.

מענדעס.

מענדעס (אליין) א שעהנע געשיכטע עהרענוואָרט! דער פאטער ליעבט א מעדכען, און דיא טאָכטער ליעבט דעם מעדכען׳ס ברוטיגאם, נור אויב עס איז ווירקליך אזוי, אויב פעדראָ איז דזאקווינעס חתן וועל איך דורך דעם מיטעל וואָס גבריאל וועט טאָהן אויספיהרען דעם שידוך צווישען ערינהען און פעדראָ׳ן, דען ווען אדמאן איז א יוד איז דאָך געוויס פעדראָ אויך א יוד, נוא, נוא, עס וועט שוין זיין רעכט, עס וועט שוין געהן וויא געשמירט.

פירטעס ביל

1טער אויפטריט.

(בייא אדמאנען אין הויז, איין רייך מעבלירטע זאַאל, א טיש רייך געדעקט, אויף איהם שטעהט א זיעבענרעהריגער לייכטער, איזאבעללא צינט דיא ליכט אן.)

א י ז א ב ע ל ל א (זינגט)

.1

בעשטראהל אונז גאָטט מיט דיין געזיכט
בעלייכט אונז מיט דיין פראכט
אזוי וויא דיא זיעבען העלע ליכט
ערלייכטען דיא פינסטערע נאכט
שיק אויף אונז דיין הילף געשווינד
בעפרייע אונז פון זארג און קלאג
אזוי וויא דיא ליכט וואס לייכטען אצינד
לכבוד שבת דיין הייליגען טאג.

.2

שיק דיין הילף, אַ גרויסער גאָטט
אויף דיינע ליעבע קינדער
פון זייער גלות, פון זייער נאָטה
רעטע זייא געשווינדער
אַ רעטע זייא, פאטער געטרייער
זייערע נשמות זיינען שוין פערשמאכט
בעלייכט מיט דיין הייליגען פייער
זייער לאַנגע גלות נאכט.

צווייטער אויפטריט.

(א י ז א ב ע ל ל א — פ ע ד ר אָ — ד ז א ק ו ו י נ ה קומען אריין געארימט.)

ד ז א ק ו ו י נ ה דוא האסט שוין געבענטשט ליכט באָבוניו?

א י ז א ב ע ל ל א יאָ מיין קינד איך האב שוין געבענשט ליכט, נאטט זאָלל מיך מזכה זיין איך זאָל דיך בענשען צו דיין מזלדיגער התונה.

פעדרא איהר וועט נאך דערלעבען צו בענטשען אור - אייניקלאך צו זייערע חתונות.

איזאבעללא אה ניין מיין קינד! פאר מיר איז גענוג אז איך האב דערלעבט צו זעהן מיין דיאדעס טאכטער אלס כלה פאר אזא טהייערען חתן, ויא דוא ביסט ליעבער פעדרא, קיין גרעסערען גליק האב איך קיינמאל ניט פערלאנגט, איך האב זיך ניט גערוכט אז נאך אזא אונגליק וואס איך האב גע־האט זאל איך אזוי לאנג לעבען, ווען מיין ליעבער מאן האט זיך געשאסען פאר מיינע אויגען, האב איך געמיינט אז מיין וועלט איז אויף עוויג פערפינסטערט געווארען, מיך האט דאמאלס מיט מיין דיאדען ערוואַרטעט א שרעקליכער טויט פערברענט צו ווערן פאר אונזער רעליגיאן נאר דער גרויסער יודעשער גאט האט מיך מיט זיין בשרה האנד געראטעט, טאקע נאר דורך הוילע נסים.

דזאקווינה איך האב שוין געהערט דיא געשיכטע וויא מיין אונגליקליכער גראספאטער האט זיך ערשאסען וויל איין פריסטער האט ערפאהרען אז ער איז א יוד און האט איהם געוואלט דעם געריכט איבערגעבען נור וויא אזוי איהר מיט מיין פאטער זיינט געראטעט געווארען ווייס איך ניט.

איזאבעללא איך זאג דאך דיר אז מיר זיינען געראטעט געווארען נור דורך הוילע נסים, דען דאמאלס צוזאמען מיט דעם פערפלוכטען פריסטער איז געוועזן דער מענש וועלכען דער גראספאטער האט מיין עלטערען זאהן איבער געגעבען, דער מענש האט אויף מיר רחמנות געהאט, און האט ניט געלאזען דער פריסטער זאל מיר עפעס שלעכטעס טאהן, ער האט נאך אין דער עלבער נאכט מיך מיט דיין פאטער וועלכער וואר דאמאלס א קינד פון 8 יאהר אין זיין עקיפאזש אריין געזעצט און האט אונז פון ליסאבאן ארויס געשיקט, ער האט מיר אויך געלד געגעבען, איך זאל האבען מיט וואס זיך מיט מיין קינד צו ערנעהרען, און ער האט מיר פערשפראכען אז ער וועט מיין עלטערען זאהן וויא זיינס אייגען קינד ערציהען, גאט זאל איהם נור פאר זיין גוט הארץ בע־לאהנען אויב ער לעבט נאך.

פעדרא דאס איז טאקע א וואונדער א קריסט זאל אזוי פיעל טובות טאהן, מיט געהיימע יודען, וויא הייסט ער דער גוטער מענש?

איזאבעללא זיין נאמען ווייס איך ניט, דען מיין גאטזעליגער מאן האט מיר ניט געוואלט זאגען ווער ער איז מיר זאל זיך ניט גלוס־טען געהן געוואר ווערען צום קינד.

פעדרא נוא און איהר ווייסט נאָר ניט, וואס עס איז געוואָרען פון אייער על-
טערען זאָהן.

איזאבעללא (זיפצענד) ניין איך וויים נאָר ניט, וואָס עס איז געווארען, עס
קען זיין אז ער איז געשטאָרבען, נאר דאס וואָלט מיר שוין
אזוי ניט געארט וויא א אנדער זאך.

פעדראָ וואָס מיינט איהר?

איזאבעכלא איך האב מורא צו איז ער היינט ניט איינער פון אונזערע
גרעסטע פיינדע און פערפאָלגער, וויל ער האט זיך בייא א
קריסט ערצויגען.

פעדראָ דאס איז ווירקליך א שרעקליכער געדאנק, נאָר וואָצו זאָלט איהר
אזעלכעס קלערען ליעבע מוטער.

דריטער אויפטריט.

(פאָריגע—אדמאן.)

אדמאן (אריין געהענד) דאס איז מעקווירדיג.

דזאקווינה וואס איז פאטער?

איזאבעללא וואס איז מיין זאהן?

אדמאן איהר וועט דאָס נאָר ניט גלויבען בייא אונזער שכן גבריאל על—
מעדזעע אין הויז ברענען 7 ליכט אין א זיעבענרעהריגען לייכטער.

אללע (רשטוינט) בייא גבריאל'ן אין הויז!?

אדמאן יא דורך דעם פענסטער זעהט מען ארויס דעם לייכטער מיט דיא
זיעבען ליכט.

פעדראָ בייא גבריאל על—מעדזעע זיעבען ליכט פרייטאג צו נאכט? דאס
איז ווירקליך מערקווירדיג.

איזאבעללא מיר גלויבט זיך דאס גאר ניט.

אדמאן געה ארויס אויף דעם באלקאן ועסטו זייא אויך זעהן, איך פערשטעה
נאָר ניט וואָס דאס בעדייטעט, איך וואָהן שוין נעבען איהם 10 יאהר
און האב נאָך קיינמאָל אזא סצענע ניט בעמערקט, זאל איך גלויבען אז דער
מענש איז א געהיימער יוד?

איזאבעללא עס קען זעהר זיין אז ער איז א געהיימער יוד, און דאס וואס מיר האבען קיינמאל זיינע ליבע ניט בעמערקט איז גאר קיין וואונדער ניט, דען ווער ווייסט נאך אזוי וויא מיר וויא בעהיטזאם, וויא פארזיכטיג אונזערע געהיימע יודען דארפען זיין מיט אזעלכע זאכען.

אדמאן פאר וואס זשע איז ער היינט ניט פארזיכטיג?

איזאבעללא עס קען זיין אז מען האט היינט אויף זיינע פענסטער נייע גארדינען אויף געהאנגען, דורך וועלכע דיא ליכט שיינען ארויס און דער גבריאל וויים נעבאך גאר ניט אז ער קען דאדורך אין גרעסטען אונגליק שטירצען.

פעדרא איך האב מורא צו איז דאס אפט ניט קיין נעטץ טאקע פאר אונז.

אדמאן וואס הייסט א נעטץ? וויא קומט גבריאל וועלכער קען מיך גאר ניט און מיט וועלכען איך האב קיינמאל קיין צווייא ווערטער ניט איבערגערעדט זאל ער אויסשפרייטען פאר מיר א נעטץ, ניין דיא מוטטער איז גערעכט, דער גבריאל איז געווים א געהיימער יוד, און וויל עס איז אויפגעהאנגען נייע גארדינען אויף זיינע פענסטער דארום זעהט מען דיא ליכט ארויס, ער איז אין א גרויס געפאהר און מען מוז איהם רעטען.

איזאבעללא יא בייא מיר איז אויך קיין צווייפעל ניט אז ער איז א יוד איך האב דעם מענשען שטענדיג ליעב, חאטשי איך האב מיט איהם קיינמאל ניט גערעדט, ער איז עהנליך צו דיין געשטעליגען פאטער...... אבער ווייסט איהר וויא עהנליך וויא 2 טראפען וואססער מען מוז איהם זעהן פערהיטען פון אונגליק.

פעדרא וויא אזוי מיינט איהר דאס פערהיטען איהם פון אונגליק.

אדמאן איך וועל שיקען צו איהם א מענשען אנזאגען דאס ער זאל דיא ליכט פון פענסטער געשווינד צו נעהמען, דא וועלען מיר ערפאהרען; ריכטיג צו ער איז א יוד, דען קוים איז ער א געהיימער יוד וועט ער באלד דיא ליכט פארלעשען, און וועט קומען צו מיר בעטען איך זאל זיין געהיימניס ניט ענדעקען דען דער וואהרער יוד ציטערט פאר דעם מינדסטען חשד, ווען ער איז אבער ניט קיין יוד וועט ער זיך גאר אויסלאכען, פון מיין ווארנונג, און וועט זאגאר דיא ליכט ניט פארלעשען.

איזאבעללא יא, יא, דאס איז זעהר קלוג בערעכענט.

דזאקווינה און איך זאג דיר ליעבער פאטער דוא זאלסט זיך אין דעם

גאַר ניט אינטערעסירען, איך האלט מיט פעדראן, ווער ווייסט צו דאס איז ניט קיין נעטץ פאר אונז.

אדמאן דוא ביסט אויך ניט מעהר וויא א קינד האָב קיין מורא ניט מסתמא פערשטעהע איך בעסער (צו איזאבעלען) דוא ליעבע מוטטער וועסטו אזוי גוט זיין אריין שיקען צו איהם אנטאָנען, ער זאָל איהם זאָגען אין מיין נאמען ער זאָל דיא ליכט פארלעשען און איך וועל אריין געהן אין אונזער געהיימען טעמפעל מקבל שבת זיין און היים אנטאנען ער זאָל דאָ דיא ליכט צו נעהמען דען גבריאל קען אונערוואַרטעט קוממען זאָל ער דאָ דיא ליכט ניט זעהן.

איזאבעללא נעה מיין זאהן, איך וועל שוין דאָס פערזאָרגען (אדמאן מיט איזאבעלען אב.)

פיערטער אויפטרט.

פעדרא—דזאקווינה.

פעדרא דוא וועסט גלויבען מיין לעבען אז איך בין שטארק אונרוהיג פון דער געשיכטע וואָס דיין פאטער טהוט זעהר אונבעזאָנען, דאמיט וואָס ער שיקט גבריאל'ן אנזאָגען ער זאל דיא ליכט פערלעשען.

דזאקווינה וואס זשע ביזטו אזוי אונרוהיג

פעדראָ ווער ווייסט וואָס גבריאל מיינט מיט דיא ליכט, איך ציטער פיעלייכט האט ער דערבייא איין שלעכטען מיין דען דער גבריאל איז באַקאנט אין גאנץ ליסאבאן פאר א ניעדערטרעכטיגען מענשען ער האט שוין פיעל מענשען אונגליקליך געמאכט.

דזאקווינה דוא זעהסט דאָך אבער אז דער פאטער האט גאָר קיין מורא ניט, מסתמא איז דא ניטאָ פאר וואס מורא צו האבען.

פעדרא דיין פאטער ווייסטו דאָך אבער איז אזא מענש וואָס קען ווענען דעם צווייטען קיין שלעכטס ניט דענקען איהם גלויבט זיך נאָר ניט אז אזא מענש וויא גבריאל איז מיט וועלכען ער האָט קיינמאָל ניט גערעדט זאָל וועלען איהם שלעכטס טאָהן יא! ער וויים נאָר ניט וואס פאר א ניפטיגע מענשען עס זיינען דאָ אויף דער וועלט, עס זיינען דאָ אזעלכע וועלכע האבען פער-גניגען צו זעהן וויא דעם צווייטענ'ס בלוט גיסט זיך, און געפינען דעם גרעסטען תענוג אין יענעמס שמערצען.

ד ז א ק ו ו י נ ה קלער ניט איך בעט דיך אזעלכע זאכען, אונז וועט דא קיין שלעכטס ניט געשעהן.

פ ע ד ר אָ (געהט הין און צוריק איבער דעם צימער, שטעלט זיך פּלוצלונג אָפּ נעבען דזאקווינה׳ן) וואס וואָלט געווען דזאקווינה ווען......

ד ז א ק ו ו י נ ה וואס ווילסטו זאָגען (א בעדינטער קומט אריין און נעהמט דיא ליכט צו.)

פ ע ד ר א איך וויל זאָגען וואָס וואָלט געווען ווען בעה׳טע גאָטט מיר וואָלטען אריינגעפאלען צו אונזערע פערפאָלגער אין דיא הענד.

ד ז א ק ו ו י נ ה וואס איז דאס פאר א פראגע, וויא קומסטו צו דעם שרעקליכען געדאנק?

פ ע ד ר אָ איך פרעג גלאט אזוי, ווייל מיר געהיימע יודען זיינען שטענדיג אונטערוואָרפען דער געפאהר פארשטריקט צו ווערען אין דער נעטץ פון אונזערע פיינד וועלכע זוכען אונזער טויט.

ד ז א ק ו ו י נ ה נוא וואס זשע ווילסטו מיט דיין פראגע.

פ ע ד ר אָ איך פרעג וויא פיהלסטו זיך, דוא וואָלסט בייאגעשטאנען דעם נסיון און וואלסט געאָפּפערט דיין לעבען פאר דיין רעליגיאן?

ד ז א ק ו ו י נ ע און דוא צווייפעלסט נאך צו איך וואלט בייא געשטאנען דעם נסיון, ווייסטו ניט אז פאר אונזער היילגער אמונה בין איך יעדער מינוט פערטיג צו שטערבען, ווייס איך דען ניט, אז דיא שולדיגקייט פון יעדען יודען איז ער זאָל זיין גרייט אלעס איבערצוטראָגען פאר זיין פאָלק און פאר זיין גלויבען.

פ ע ד ר אָ מיך פרייט זייער צו הערען אזעלכע ווערטער פון דיר, איך פיהל מיך אויך פאלקאממען פעהיג דיא שולדיגקייט היילג אויסצופיהרען, איך ווייס אז ווען בעהיטע גאָטט מיר זאָל אויסקומען צו שטארבען פאר מיין היילינער אמונה וואָלט איך מיט דעם גרעסטען שטאָלץ געגען דעם טויט געגאנגען, איך בעט מעהר ניט בייא גאָטט אז ווען מיר וועט זיין באשערט צו שטארבען אויף אזא ארט, זאָל איך דיך נאָך מיר ניט נאך שלעפּען, אליין וועט מיר קיין שום זאך ניט צו שווער זיין צו ליידען, נאָר דיך וויל איך ניט זעהן אין אזא שרעקליכער לאגע.

ד ז א ק ו ו י נ ה וואָס איז דאס פאר ווערטער פעדראָ וואס האסטו זיך אזעלכע שרעקליכע געדאנקען אין קאָפּף אריינגענומען, דוא מאכסט מיר שרעקליך אונרוהיג.

פעדראָ (שמייכלענד) נאַ איך וועל שוין מעהר אזעלכע ווערטער נים ריידען.
דזאקווינה אבער ערקלער מיר ווארום זיינען דיר גראדע יעצט אזעלכע נע־
דאנקען אין קאָפּף אריין געפאלען.
פעדרא איך האב שוין עטליכע מאל געוואָלט ווענען דעם מיט דיר ריידען, ווייל
איך האב געוואָלט וויסען צו פיהלסטו זיך מוטהיג פאר דיין רעליגיאָן
צו שטארבען.
דזאקווינה זייא זיכער אז איך האב גענוג מוטה און גענוג קראפט דיא
גרעסטע יסורים איבער צו טראָגען פאר אונזער הייליגער אמונה.
(ביידע זינגען) מיך שרעקען נים דיא פלאַמען פייער
וועלכע ברענען נאר פאר מיר
מיין אמונה איז בייא מיר טהייער
אָפּפער'ן וועל איך מיך פאר דיר
ווען איך זינקע אין דער העלע
און מיין קערפּער רויבט דער טאָדט
וועט אין הימעל זיין מיין זעעלע
בייא איהר פאטער בייא איהר גאָטט.

5טער אויפטריט.

פאריגע — גבריאל.

גבריאל (ער קומט אריין אין מיט'ן געזאנג.)
פעדרא—דזאקווינה (בעמערקען איהם נים און זינגען ווייטער:)
אין דיר מיין אמונה היינגט מיין לעבען
אין דיר איז פארקויפט מיין נחמה
פאר דיר וועל איך אללעס אָפּגעבען
דוא ביזט דיא זעעלע פון מיין נשמה
פון אללע שעטצע ביזטו בייא מיר טהייער
קיינער וועט מיך פון דיר שיידען
פאר דיר לויף איך אין פייער
דוא פערזיסט מיינע גרעסטע ליידען.
גבריאל פערצייהעט ליעבער פריינד (בייא דיא ווערטער ווענדען זיך פעדראָ

מיט דזאקווינה׳ן ערשראָקען אום) וואָס איך שטער אייך, קאן איך האבען דיא עהרע צו רעדען מיט דעם העררן דיאדע אדמאן.

פעדראָ דער העדר אדמאן וועט באלד אריינקומען.

דזאקווינה קאָם ליעבער פעדראָ מיר וועלען אריינשיקען דעם פאטער (ביידע גנאָרעמט אב.)

גבריאל (אלליין) וואָס איז דאָס? וואָס האָב דא נעזעהען? דיא שעהנע דזאקווינה וועלכע איך האב פערנעטערט איז געשטאנען מיט א יונגען מענשען נעארימט, און וויא איך פערשטעהע האָט זיא מיט איהם זעהר א גוט לעבען, וואס זאָל דאָס בעדייטען, זיא זאָל זיין זיינע א כלה, אדער איינפאך א געליעבטע? נאָר ניין עס קען ניט זיין, עס קען ניט זיין זיא זאָל זיין א געליעבטע דזאקווינה איז ניט פעהיג צו אזעלכע נידריגע זאכען, זיא מוז זיין זיינע א כלה, אונד איך מוז זיא פון זיינע הענד ארויס רייסען, וויא איך זעה וועט מענדעס׳ס פּלאן זעהר געלינגען, יא בייא מיר איז יעצט קיין צווייפעל ניט אז ער איז א יוד דען ווען ער זאל זיין א קריסט וואָלט ער מיר ניט געשיקט אנזאגען איך זאָל זיך היטען, פערקעהרט ער וואָלט זיך בעמיהעט מיך אונגליקליך צו מאכען, וויא דיא שולדיגקייט איז פון א קריסט געגען א יודען, איך וועל שוין פון דאנען ניט אוועק געהן ביז ער וועט מיר ריכטיג ווייזען אז ער איז א יוד, דאן וועל איך איהם האבען אין דיא הענד און וועל מיין ציעל גליקליך ערררייכען.

6טער אויפטריט.

גבריאל — איזאבעללא.

גבריא (פערנייגט זיך טיעף.)

איזאבעללא ווילקאָמען העדר על־מעדזועע, זיצט, באלד וועט מיין זאָהן אריין געהן (זיא זעצט זיך גענען איהם)

גבריאל (זיך זעצ) דער העדר אדמאן איז אייער זאָהן?

איזאבעללא יא ער איז מיי זאָהן, זייא קומען מיר זעהר קענטליך פאר העדר על־מעדזועע.

גבריאל דאס איז קיין וואונדער ניט, וויל זיא זעהען מיך זעהר אָפט, דען איך וואָהן נעגען אייער הויז.

איזאבעללא עס קען זיין (אין א זייט) ער איז פּונקט עהנליך צו מיין

נאָטט זעלינגען מאן (צו גבריאלין) מיר איז א וואונדער וואס מיר האבען דאָס גליק ניט געהאט אייך ביז אהער אין אונזער הויז צו זעהן.

גבריאל עס האט זיך אלץ דיא געלעגענהייט ניט געמאכט איך זאָל קענען בייא אייך זיין, אבוואָהל, איך האב זיך שוין לאנג געוואָלט פאָרשטעלען פאר אייער זאָהן און פאר זיין פאמיליע.

איזאבעללא דאס וואָלט אונז זעהר אנגענעהם געוועזן, איך האָף אז איהר וועט שוין זיין בייא אונז א אָפטער גאסט.

גבריאל איך דאנק אייך זעהר פאר אייער פריינדשאפט, זאגט מיר מאדאם ווער איז דער יונגער הערר וועלכער איז דאָ געזעסען מיט אייער איינקעל, ער קומט מיר זעהר סעגטליך פאר.

איזאבעללא דאס איז טאקע איהר חתן פעדראָ פון פעררירא.

גבריאל איהר חתן?

7טער אויפטרט.

פאָרינגע — אדמאן (גבריאל שטעהט אויף נעגען איהם.)

אדמאן פערצייעהט מיר פריינד וואס איך האב אייך אזוי לאנג געלאזט ווארטען יעצט האב איך שוין צייט מיט אייך צו ריידען.

גבריאל (סוקט אויף איזאבעללא'ן) איך האב מיט אייך וויכטיגעס צו שפרעכען הערר אדמאן.

איזאבעללא איך וועל אייך דאָ ניט שטערען קינדערליך, רעדט אייך וואָס איהר דארפט, אדיע הערר על־מעדע צום ווידערזעהן. (אב)

אדמאן אצינד קענט איהר פרייא רעדען, מיט וואס קען איך אייך דיענען?

גבריאל איך פערלאנג עדלער הערר פון אייך א זאך וואָס אין דעם הייגנט מיין לעבען.

אדמאן זאָגט אין וואָס בעשטעהט אייער פערלאנג.

גבריאל מעג איך דאָ פרייא רעדען (קוקט זיך אום אין אללע זייטען) האָבען אייערע וועגט קיין אויערן ניט.

אדמאן שרעקט זיך ניט פריינד, קיינער אויסער מיר וועט דאָ ניט הערען אייערע רייד.

גבריאל איהר מוזט מיר פערצייהען ווען איך וועל אייך בעטען אז דאס וואס איהר וועט פון מיר הערען זאָלט איהר קיינעם ניט איבערגעבען, דע ווען יעמאנד וועט בעהיטע נאָטט מיין געהיימניס הערען בין איך אונגליקליך.

אדמאן איך פערשטעה ניט אז ווען אייער געהיימניס איז אזוי געפעהרליך, פאר וואס זאָלט איהר עס מיר דערצעהלען.

גבריאל ווייל איך פערשפּאָר אייך דערצעהלען מיין געהיימניס איז אייך שוין בעוואוסט.

אדמאן נוא ווען איך ווייס, דארפט איהר דאָך טאקע מיר ניט ענדעקען.

גבריאל עדלער הערר, יא איך ווייס איך דארף אייך שוין ניט ענדעקען, איהר ווייסט שוין אלעס, דארום בעט איך אייך איהר זאָלט מיך ניט ארויסגעבען.

אדמאן אלזאָ ערקענט איהר אז איהר זיינט א געהיימער יוד.

גבריאל יא פריינד! איך ערקען אז דיא קריסטליכע רעליגיאָן איז בייא מיר נאר א מאסקע אום צו פערדעקען דיא יודישע אָה! האט מיטלייד מיט מיר און גיט מיך ניט אויס.

אדמאן וויא אזוי האט איהר דאָס קיין מורא ניט אזוי אָפפען צו ענטדעקען אזא שרעקליכע געהיימניס.

גבריאל אייער גוט הערץ האט מיר געגעבען מוטה איך זאל מיט אייך אָפפען רעדען, איהר האט מיר געוויזען אז דאס לעבען פון א מענשען איז בייא אייך טייערער פון אייער רעליגיאָן, דען וויא איהר האט דערזעהן דיא ליכט וואס איך האב אנגעצונדען לכבוד שבת האט איהר מיר געשיקט זאָגען און האט מיר ניט איבערגעגעבען דער געריכט, נוא קען איך שוין נאָך אזא חסד וואס איהר האט מיט מיר געטאָהן מורא האבען פאר אייך?

אדמאן (שמייכלענד) איהר האט אָבער א טעות מיין פריינד, דאמיט וואס איהר זאָגט אז דאס לעבען פון א מענשען איז בייא מיר טהייערער פון מיין רעליגיאָן, ניין מיין הערר מיין רעליגיאָן איז בייא מיר טהייערער פון מיין איינענעם לעבען.

גבריאל (ערשראָקען אין א זייט) ער איז א קריסט (צו אדמאנען) הא! מאכט מיר ניט אונגליקליך, האט מיטלייד, האט רחמנות!

אדמאן (גיט גבריאל'ן דיא האנד לאָבענד) שרעקט זיך ניט מיין פריינד מיר זיינען ברידער, קינדער פון איין רעליגיאָן, וועלכע איז בייא טהייערער פון מיין לעבען, און איך בין יעדע מינוט פערטיג אבצוגעבען מיין נשמה פאר איהר.

גבריאל זאָל איך גלויבען דאָס איהר זייט אויך א יוד?

אדמאן יא איך בין א יוד, בייא מיר דיענט אויך דיא קריסטליכע אמונה
נאר אלס מאסקע צו פערדעקען דער יודישער, אזוי וואויל איז צו אייך
ליעבער פריינד וואָס איהר דיענט צו דעם יודישען גרויסען גאָטט (ער פאלט איהם
אויף'ן האַלז און קושט איהם).

גבריאל אזא גליק האב איך גאָר ניט ערוואַרטעט (ער קושט אדמאַנען) יעצט
בין איך פאָלקאָממען גליקליך דאמיט וואָס איך וועל קענען מיינע
לעצטע יאהרען פערברענגען מיט מיינעם א רעליגיאָנס ברודער, איך דאַנק דיר
גאָטט פון אברהם, פאר דעם גרויסען חסד וואָס דוא האָסט דא מיט מיר
געטאָהן.

אדמאן פאר וואָס האָב איך זיך מיט אייך ביז אהער ניט בעקאנט, איך בין
שטארק אין כעס אויף אייערע ליכט דערפאר וואס זייא האבען זיך
מיר ניט געוויזען ביז אהער.

גבריאל מיך פערדריסט אויך וואָס עס האט זיך ניט געמאכט אזא געלעגענ־
הייט מיר זאָלען זיך דערקענען ביז אהער, איך קען אייך גאָר ניט
פאָרשטעלען ליעבער פריינד וויא ליעב איך האב אייך בעקומען אין דער מינוט,
עפּעס א קלייניגקייט א מענש פון מיין אמונה, איך בין ביז אהער געווען עלענד
וויא א שטיין צווישען דיא טויזענדער פיינדע וואָס זוכען נאָר אונזער אונגליק
אונזער טויט.

אדמאן דערפאָר וועט איהר שוין פון היינט אָן און ווייטער ניט זיין עלענד,
איך וועל אייך בעקאנט מאכען מיט אללע געהיימע יודען.

גבריאל אזוי? עס זיינען דאָ א חוץ אונז נאך געהיימע יודען אין ליסאבאן.

אדמאן יא, עס זיינען דאָ נאך צעהן פאמיליען, מיר האבען דאָ אונזער שוהל
וואו מיר גיסען אויס אונזערע טרערען פאר דעם יודישען גאָטט.

גבריאל אזוי? איהר האט דאָ א שוהל אויך?

אדמאן יא מיר האבען א שוהל טאקע דאָ בייא מיר אין הויז.

גבריאל (אין א זייט) דאס איז טהייערער פון גאָלד (צו אדמאנען) איהר וועט
מיר געוויס אריין פיהרען אין אייער שול.

אדמאן מיט'ז גרעסטען פערגעניגען, נאָר יעצינד איז שוין שפּעט, איהר וועט
דאָך מאָרגען אויך געוויס ביי מיר זיין וועל איך אייך ווייזען אונזער
שוהל מיט אונזערע ספרי תורות.

גבריאל איך בין וויא בערוישט פֿון פרייד (אויפשטעהענד פון אָרט) נוא
מיין פריינד דערווייל האָט א גוטע נאכט, איך מוז שוין געהן, דען הייטע ערוואַרטע איך נאך געסט, מאָרגען פריה קום איך צו אייך ווידער, גוטע נאכט. (ער אומארימט אדמאנען און קושט איהם).

אדמאן א גוטע נאכט געהט געזונדערהייט, איך ערוואַרטע אייך מאָרגען מיט
דער גרעסטער אונגעדולד (גבריאל נעהט אב, אדמאן בעגלייטעט איהם.)

אכטער אויפטריט.

אדמאן,

אדמאן (אליין) אונזערע יודען זיינען צו בעוואונדערען, זייא זיינען פעהיג צוליעב
זייער גאָטט אזוי פערבלענדען דער וועלט דיא אויגען, אז זאָגאר זייערע אייגענע ברידער זאָלען זייא בשום אפן ניט דערקענען, איך וואלט דאָס קיין מאהל ניט געגלויבט אז דער גבריאל איז א יוד, ער האָט אזוי קינסטליך זיין ראָליע געשפּילט, אז מען האָט געקענט מיינען אז ער איז דער גרעסטער יודען פיינד.

ניינטער אויפטריט.

אדמאן—איזאבעללא—פעדראָ—דזאקווינה.

אללע נוא וואָס הערט זיך? וואס האָט ער גערעדט?

אדמאן ער איז א יוד, א פרומער יוד וויא מיר אללע.

איזאבעללא ער איז א יוד? איך האב באלד אין איהם דערקענט אז ער
איז פון אונזערע רעליגיאָנס ברידער, דוא וועסט גלויבען מיין זאָהן, אז פון דער ערשטער מינוט וואס איך האב איהם דערזעהן איז ער מיר געוואָרען איינגעבאקען אין הערצען ווייל דוא ווייסט צו וועמען ער איז עהנליך צו דיין גאָטט זעליגען פאטער, דאס איז אייגענטליך א געלעבטער, נאר איך זאג דיר אז ער איז צוליעב דעם מיר אזוי ליעב געוואָרען אז איך האב שוין גאָר ניט געוואָלט אז ער זאָל פון דאנעם אוועק געהן, ווען וועט ער דאָ זיין נאך א מאל?

אדמאן ער וועט שוין זיין בייא אונז אללע טאָג, מיר פרייט זעהר וואס
אונזער קליינע געמיינדע האט זיך פערגרעסערט מיט נאך א מענשען.

פעדראָ ער האט אייך אָפען געזאָגט אז ער איז א יוד?
אדמאן עס פערשטעהט זיך אז ער האָט מיר אָפען געזאָגט, איהר האט גע־
דארפט זעהן וויא ערפרעהט ער איז געוואָרען אלס ער האט ערפאהד
רען אז איך בין א יוד, דיא אויגען זיינען איהם געווען פול מיט טרערן, ער איז
פערטיג געווען פארנאנדער וויינען זיך אויס פרייד (צו דזאקווינה'ן) אצינד מיין
טאָכטער נעה אין אונזער געהיימען טעמפעל אין רוף אריין אונזערע מענשען וואָס
דאוונען דאָרט עס איז שוין שפעט מען דארף שוין אָפ זאָגען שלום עליכם און
געהן צום טיש.
דזאקווינה איך נעה פאטער. (אב)
איזאבעלא ווארום האסטו ניט איינגעלאדען אונזער נייעם ברודער צום טיש?
אדמאן ער האט זיך זעהר געאיילט אוועק צו געהן, נאָר ער וועט שוין בייא
אונז זיין א שטוב מענש.

צעהנטער אויפטריט.

(פארינע—דזאקווינה—אסף געהיימט יודען געקליידעט אין פאָרטינעזישע
נאציאָנאל קליידער, קומען אריין און זינגען.)

.1

זייא אונז ווילקאָממען שבת אין אונזער הויז
פערטרייב פון אונז זאָרג און לייד
מיר שפרייטען דיא הענד נעגען דיר אויס
און עמפפאנגען דיך מיט גרויס פרייד
שלום עליכם שרייען מיר אללע
זייא אונז געגריסט דוא ביזט אונז ליעב
דוא ביזט שבת אונזער הייליגע כלה
ברייננ אונז דיא ברכה און אונזער שטוב.

.2

אין פינסטערן גלות אין דיא גרעסטע צרות
ביזטו שבת אונזער טרייסט געווען
מיר קליידען זיך אָן וויא דיא שררות

ווען מיר דארפען זיך מיט דיר זעהן
שלום עליכם שרייען מיר יודען
זייא אונז נעגריסט דוא ביזט אונז ליעב
מיר זיינען אללע מיט דיר צופריעדען
זייא אונז ווילקאָממען אין אונזער שטוב.

דער פארהאַנג פאלט.

דריטער אקט.

פינפטעם ביל ד.

(פייא גבריאל׳ן אין צימּמער.)

1טער אויפטריט.

ע ר י נ ה

ע ר י נ ה (אליין) שלעכט, וויא איך פערשטעה וועט דאָ מענדעס גאָר ניט אויס פיהרען, פעדראָ וועט געוויס ניט אבלאָזען דעם שידוך מיט דזאקווינה׳ן דען וויא מיר ווייזט אויס איז ער אין איהר שטערבליך פערליעבט, ער פערפעהלט איין טאָג ניט, ער זאָל צו איהר ניט אריין געהן, און זאָל דאָרט אבזיצען שטונ־דען לאנג, אָה! אללע מיינע האָפנונגען געהן אוועק מיט דעם ווינד, איך פיהל אז מיינע קרעפטען פערלאָזען מיך פון טאג צו טאָג אלעס מעהר איך קען זיך שוין קיין ראטה ניט געבען וואס צו טאָהן (פויזע) איך פערשטעה גאָר ניט וואס איז דיא אורזאכע וואס מיין פאטער האט אללע טאָג אנגעהויבען מאכען וויזיטען אדמאנ׳ן, וואס פאר א געשעפטען האט ער מיט דעם מענשען, מיר ווייזט זיך אויס אז מיין פאטער איז עפּעס ניט גלייכגילטיג צו דזאקווינה׳ן, ער דערמאנט זיא זעהר אָפט, און רעדט פון איהר מיט אזא פייער פונקט וויא איין ליעב האָ־בער רעדט װעגען זיין געליעבטער, זאל איך גלויבען אז ער איז טאקע אין איהר

פערליעבט? איך ווייס? עס קען זעהר זיין אז זיא האט איהם אויך אזוי בעצוי־
בערט אזוי וויא פעדראָ׳ן, דיא פערפלוכטע דזאקווינה מוז זיין א כישוף מאכערן
אנדערש ניט.

2טער אויפטריט.

ערינה — מענדעס.

מענדעס (גיט איהר דיא האנד) גוט מאָרגען שעהנע פריילין, דוא ביזט דאָ
נאָר אליין? וואו איז דער פאטער?

ערינה דער פאטער איז אריינגעגאנגען צו אונזער שכן דיאדע אדמאן, ער וועט
געוויס באלד קומען צוריק, נאָר זאָגט מיר הייליגער פאטער וואס הערט
זיך עפּעס מיט פעדראָ׳ן?

מענדעס פעדראָ ווערט זיין דיין חתן.

ערינה געגוג אייך, פון מיר חוזק צו מאכען.

מענדעס עהע ביזט דאָך נאָר א קינד, וואָס הייסט איך וועל פון דיר חוזק
מאכען.

ערינה איך זעה דאָך אז איהר זאָגט מיר אלץ צו אז פעדראָ וועט זיין
מיין חתן און דערבייא בלייבט דאָס, איך זעה מעהר ניט וויא דאָס,
אז פעדראָ גייט אלע מאָל צו אדמאנען און ראַמאנסירט מיט זיין טאָכטער.

מענדעס זייא זשע ניט קיין קינד, אז מענדעס זאָגט דיר צו א זאַך זאלסטו
גלויבען, נאָר א סימן וועסטו האבען אז פעדראָ וועט זיין דיינער אז
ער וועט באלד קומען אהער.

ערינה (העכסט ערשטוינט) ער וועט קומען אהער?

מענדעס יא באלד קומט ער אהער, נאָר דיך וועל איך בעטען דוא זאָלסט
דאָ ניט זיין ווען איך וועל מיט איהם רעדען, דער שידוך צווישען
פעדראָ׳ן מיט דיר מוז געשלאָסען ווערן אונטער פיער אויגען.

ערינה אבער ערצעהלט מיר הייליגער פאטער, וויא קומט דאס ער זאָל אהער
קומען.

מענדעס דאס איז ניט דיין עסק, געגוג איז פאר דיר אז ער וועט זיין
דיין חתן.

ערינה (קושט איהם דיא האנד) מעהר פערלאַנג איך ניט, אך הייליגער

פאטער מיט וואָס קען איך אייך בעלאָהנען, פאר דעם אלעם גוטען וואָס איהר טהוט מיט מיר.

מענדעס איך פערלאַנג פון דיר גאָר ניט, פעדראָ וועט שוין מיר פאר אלעם בעלאָהנען.

ערינה פעדראָ וועט אייך בעלאָהנען דערפאר וואָס איך וועל זיין זיין כלה?

מענדעס יא ער וועט מיר שוין געבען גוטע שדכנות.

ערינה עפּעס קומט דאס מיר אונגלויבליך פאר, נאָך אייערע ווערטער וויזט דאָך אויס אז ער ליעבט מיר אויך.

מענדעס איך בעט דיך פרעג קיין קשיות ניט, איך זאָג דיר מעהר ניט אז איך וועל דעם שידוך אויספיהרען, נאר געה שוין אוועק פון דאנען, אז פעדראָ וועט קומען זאָל ער דיך דאָ ניט טרעפען.

ערינה איך געה היילינער פאטער (אב).

דריטער אויפטריט.

מענדעס.

מענדעס (אלליין) יא אזוי מוז איך דרעהען דאס רעדעל, אז פעדראָ וועט אהער קומען וועל איך איהם געבען צו פארשטיין, אז איך וויים שוין אז ער איז א יוד, און אויב ער וועט מיט ערינה'ן ניט הייראטהען וועל איך פאר איהם מאכען א וועג גליך אין פייער אריין, ער וועט דוכט זיך בעססער וועלען עהן צו דער הופה מיט א שעהן מיידעל איידער צו געהן אין פייער, און אז ער וועט שוין ווערען ערינה'ס חתן, וועל איך זיך נעהמען צו דעם שידוך פון גבריאל'ן מיט דזאקווינה'ן, נאכהער וועט דוכט זיך געשלאָסען ווערען א געלד שידוך צווישען מיר מיט אדמאנ'ן, אויב ער וועט קיין געלד ניט וועלען געבען וועל איך איהם חתונה מאכען מיט דעם טויט (פויזע) איך הער מען געהט, דאס איז געוויס פעדראָ.

4טער אויפטריט.

מענדעס. — פעדראָ

פעדראָ פערצייהעט היילינער פאטער, וואס איך האב ניט געקענט קוממען פונקט אין דער צייט וואָס איך האב אייך צו געזאָגט.

מענדעס עס מאכט ניט אויס זעץ זיך מיין קינד (פעדרא זעצט זיך) דוא
ווייסט מיין זאָהן וואס איך האב דיך אהער גערופען?

פעדרא פון וואנענט זאָל איך וויסען.

מענדעס איך וויל דיר מיין קינד פערהיטען פון א אונגליק.

פעדרא וואס פאר א אונגליק?

מענדעס געדיינקסטו אז איך האב דיך עטליכע מאָל געוואָרנט, דוא זאָלסט
זיך ניט פערבינדען מיט אדמאן'ס טאָכטער, ווייל ער געפעלט מיר
ניט פאר א פרומען קריסטען, איך האָב דיר דאָס מיט א האלבען מויל געזאָגט,
ווייל איך האב נאָך אויך געצווייפעלט אין דעם, נאָר יעצט קען איך דיר עס זאָ-
גען מיט א פולען מויל אז גאָטט זאָל דיך היטען פון דער פארטייא, דען איך
ווייס שוין בעשטימט אז אדמאן איז א געהיימער יוד.

פעדרא (אין א זייט) אונזער טויט איז נאָהענט (צו מענדעס'ן) וואס רעדט
איהר הייליגער פאטער אדמאן איז א געהיימער יוד?

מענדעס יא מיין קינד ער איז א פערפלוכטער יוד, און גאָט זאָל דיך היטען
פון זיין טאָכטער.

פעדרא ניין הייליגער פאטער איך קען דאָס גאָר ניט גלויבען, איך בין ביי
זייא אין שטוב איין אייגענער פון עטליכע יאהר, איך האב קיינמאָהל
ניט בעמערקט אין זייא קיין שלעכטס, אין גענענטהייל איך האב געזעהן אז זייא
זיינען פרומע קריסטען.

מענדעס שפּאר זיך איך בעט דיך מיט מיר ניט, מסתמא אז איך רייד ווייס
איך וואס איך רייד איך זאָג דיר נאָך אמאָל אז אדמאן איז א יוד,
און ווען דוא וועסט חתונה האָבען מיט זיין טאָכטער וועט מען געוויס זאָגע: אז
דוא ביזט אויך א געהיימער יוד, נוא פערשטעהסטו שוין וואס פאר א סוף דוא
קענסט דאָ האבען?

פעדרא איהר קענט ריכטיג איבערצייגען אז אדמאן איז א יוד?

מענדעס דער בעסטער בעוויז וועט זיין דאָס, וואס מען וועט זייא
פארברענען.

פעדרא און ווען איך וועל דעם שדוך אָפּלאָזען?

מענדעס דאן וועט זייא קיין שלעכטס ניט געשעהן, איך וועל אויף זייא
רחמנות האבען.

פעדרא וויא קומט עס הייליגער פאטער אז איהר זאָלט רחמנות האבען אויף
א יודען?

מענדעס פערשטעהסטו מיך ווען דוא וועסט דעם שידוך אָפּלאָזען, וועל איך געבען דזאקווינה׳ן א מאן א קריסט וועלבער וועט זיא שוין מאבע׳ פאר אַ וואהרער קריסטין, דוא וועסט חתונה האָבען מיט גבריאל׳ס טאָבטער זיא איז א וואהרע פרומע קריסטין וועסטו אויך בלייבען א פרומער קריסט, דוא פערשטעהסט וואס פאר א מצוה איך וועל דאָ פערדינען?

פעדראָ וויא איך זעה רעבענט איהר מיך אויף פאר א יודען?

מענדעס איך מוז דיך אזוי רעבענען, ווייל דוא ווילסט הייראטהען מיט א יודין.

פעדראָ איהר האָט אָבער א טעות הייליגער פאטער, מיר זיינען אללע פרומע קריסטען.

מענדעס נוא נענוג צו טענהען איך בין דיר מחויב געווען צו זאָגען מיין פער־לאנג ווילסטו מיך פאלגען, ביזטו וויא אויך אדמאן מיט זיין טאָבטער גערעטעט, אויב ניט מעגט איהר זיך אללע געזעגנען מיט אייער לעבען זייא זיך מישב איך קום באלד אריין. (אב)

פינפטער אויפטריט.

פעדראָ

פעדראָ (אלליין, חאפּט זיך פערצווייפעלט פאר דיא האר) נאָטט! וואס טהוט מען, וואס פאר אַ עצה זאָל איך מיר דאָ געבען, מיר זיינען פערלאָ־רען (ער לויפט ארום הין און צוריק איבערן ציממער) איך זאָל אפּלאָזען דעם שידוך מיט דזאקווינה׳ן און חתונה האבען מיט גבריאל׳ס טאָבטער? איז מיר שוין דער טויט פיעל ליעבער אלס אזא פינסטערן לעבען, איך? איך זאָל פערבייטען מיין דזאקווינה׳ן אויף גבריאל׳ס טאבטער? ניין איך וועל דאס ניט טאָהן ווען איך זאל אפילו וויסען אז איך ווער הייטיגען טאָג פערברענט, איך וועל ליעבערסט מיט דזאקווינה׳ן שטערבען אלס מיט גבריאל׳ס טאבטער לעבען. (פּויזע) אבער עס איז דאָך אויף דזאקווינה׳ן א רחמנות, זיא וועט דארפען געהן אין פייער, אבּ־וואהל זיא איז בייא זיך שטאָלץ, און זאָגט אז פאר דעם טויט האט זיא קיין מורא ניט, איך ווייס אבער אז קוים וועט זיא זעהן דעם טויט פאר דיא אויגען וועט זיא איהר שטאָלץ פערלירען, היינט איהר פאטער וועט זיך געוויס פאר דעם טויט ערשרעקען (ער חאפּט זיך פאר דעם קאָפּף) אָה מיר איז ביטטער איך ווייס גאָר ניט וואס צו טאָהן! (פּויזע) הא! דאס איז אפשר א פּלאַן איך

וועל פערשפרעכען מענדעסען אז איך וועל התונה האבען מיט גבריאל'ס טאָכ־טער ער וועט דאָך געוויס ניט פערלאַנגען, דיא חתונה זאל זיין היינטיגען טאָג, זיא וועט דאָך דיא חתונה מסתמא אָפּלייגען אויף א געוויסער צייט, דער וויל וועל איך אפשר מיט דזאקווינה'ן און מיט אדמאנ'ן קענען ענטלויפען פון דער פערפלוכטער שטאדט, יא! קיין אנדער מיטעל האב איך ניט אזוי מוז איך טאָהן.

6טער אויפטריט.

פעדראָ — מענדעס.

מענדעס נוא מיין קינד וואס האסטו אָפּגעקלערט?

פעדרא איך בין בעשלאָסען חתונה האבען מיט גבריאל'ס טאָכטער.

מענדעס (ערפרייעט) זעהסטו אצינד זעה איך אז דוא ביזט א חכם, דוא רעטעסט זיך מיט אדמאנ'ס פאמיליע פון טויט, מיר האבען אפילו נעדארפט יעצט מאכען א האנדשלאג צווישען דיר מיט דער שעהנער ערינה'ן זיא איז אָבער גראדע צו הויז ניטאָ, דארום וועלען מיר אזוי טאהן, זעטץ דיך און שרייב אָן צו גבריאל'ס טאָכטער א בריעף, שרייב אז דוא האסט זיא ליעב, דען זיא דארף ניט וויססען אז דוא טהוסט מיט איהר געגען דיין וויללען, שרייב איהר אויך אז דוא ביזט בעשלאָסען נאָר מיט איהר חתונה צו האבען, דער בריעף וועט שוין הייסען אזוי פיעל וויא א קאָנטראַקט (ער דערלאנגט איהם פאַ־פיר טינט און פעדער) נוא שרייב איך וועל דיר דיקטירען.

פעדראָ (זעצט זיך) איך וועל שוין אללעס אָנשרייבען וואָס איהר וועט הייסען.

מענדעס (דיקטירט) עדלע ערינה! פון דער מינוט וואס איך האב אייך דער־זעהן האט איהר מיט אייער שעהנעם געזיכט א שטארקען איינדרוק געמאכט, איהר שטעהט מיר שטענדיג פאר דיא אויגען, איך קלער אימּמער וועגען אייך, מיט איינעם וואָרט איך בין אין אייך פערליעבט, און איך וואגע מיך דורך דיעזען בריעף אייער האנד צו בעטען, איך האף אז איהר וועט מיך בעגליקען מיט דער פערזיכערונג אז איהר וועט מיינע פרויא זיין, איך ערווארטע מיט אונגעדולד אייער אנטוואָרט און פערבלייב אייער עוויג ליעבענדער פעדראָ.

מענדעס זעהר גוט, פּאָרטרעפליך, נוא מיין פריינד דוא קענסט שוין געהן,

:אַטט זאָל דיר געבונן גליק, איך האָף אז דוא ועסט מיר דאנקען זייט דוא וועסט לעבען.

זעדראָ יא איך מוז שוין טאקע געהן, אדיע (ער געהט אב).

מענדעס (לאכט) אזוי מיין פיינעלע, איך האב דיר גוט אין מיין פאסטקע געחאפט, נוא אצינד וועל איך שוין געהן אויף א אייזערנער בריק איך וועל געהן ווייזען ערינה'ן דעם בריעף, זיא וועט פאר פריידע גאָר ניט ווי־סען וואס צו טאָהן. (אב)

7טער אויפטריט.

גבריאל — איזאבעללא.

גבריאל (הערייננקאָממענד) קומט אריין מאדאם איך וועל באלד אייך בעקאַנט מאכען מיר מיין טאָכטער.

איזאבעללא איהר קענט אייך גאָר ניט פאַרשטעלען הערר על־מעדוזעע וויא טהייער איהר זייט בייא מיר, איך ליעב אייך וויא איין אייגען קינד.

גבריאל איך דאנק אייך זעהר מאדאם פאר אייער פריינדשאפט זיצט.

איזאבעללא זעהט נאָר וואס מען זאָגט אָפט אז א הערץ איז א האלבער נביא, באלד וויא איך האב אייך דערזעהן האב איך אייך ליעב בעקומען וויא א קינד, אבוואָהל איך האב אייך פאר א קריסט גערעכענט, עפעס אזוי וויא דאָס הערץ האט מיר געזאָגט אז איהר זייט אויך א יוד, איך זאָג אייך אָהנע אייך צו שמייכלען, אז איך בין מיך מחיה וועז איך רעד מיט אייך, עס קען זיין אז דאָס איז דערפאר וייל מיין זאָהן האט אויך געהייסען גבריאל און דאצו זייט איהר שטארק עהנליך צו מיין גאָטט זעליגען מאַן.

גבריאל עס קען זעהר זיין, מיר זעהן אָפט וויא מענשען זיינען עהנליך איינער צום צווייטען,

איזאבעללא עהנליך צו עהנליך איז אָבער גאָר ניט גלייך, איך זאָג אייך אז איהר זייט א ריכטיגער בילד פון מיין מאַן, איהר האט אפילו זיין שטיממע, דאס ערשטע מאָל אז איך האב אייך דערזעהן האב איך געמיינט אז מיין מאן איז לעבעדיג געווארען.

גבריאל (לאכט) איהר האט געמוזט פערגעסען אז טויטע קענען ניט לעב ג ווערען, זאָגט מיר שוין לאנג אז אייער מאן איז טאָדט?

איזאבעללא אָה זעהר לאנג אונגעפעהר 35 יאהר, ער איז געשטאָרבען אין
דער עלטער וויא איהר זייט אצינד 40 יאהר איז ער אלט גע־
ווען בשעת ער האט זיך ערשאָסען.

גבריאל ער האט זיך ערשאָסען?

איזאבעללא יא ער האט זיך ערשאָססען אום ער זאָל ניט אריינפאללען צו
דעם הענקער אין דיא הענד אריין.

גבריאל ערקלערט מיר נאר מען האט דען ערפאהרען אז ער איז א יוד?

איזאבעללא א באנדיט האט ערפאהרען, אז ער איז א געהיימער יוד, און
ער וואָלט איהם געווים אוים געגעבען ווען מיין מאן וואלט זיך
זעלבסט ניט ערשאָססען.

אכטער אויפטריט.

פאָרינגע — מענדעס.

מענדעס דוא ביסט דא גבריאל איך ווארט שוין אויף דיר אפשר 2 שעה
(ער דערזעהט איזאבעללא'ן און זאָגט אן א זייט) דיא פרויא איז
מיר זעהר בעקאנט.

איזאבעללא (שטעהט אויף פון אָרט) איהר האט דאָך מיר פערשפראָכען
על — מעדזוע מיך מיט אייער טאָכטער בעקאנט צו מאכען.

גבריאל יא איך וועל אייך צו מיין טאָכטער אין צימער אריינפיהרען.

מענדעס (אין א זייט) וואס זעה איך, דאס איז דוכט זיך פולטאן'ס פרוי
נאָטטעס וואונדער!

איזאבעללא (צו גבריאל'ן) אויב איהר ווילט אזוי פריינדליך זיין, פיהרט מיך
אריין צו אייער טאכטער.

גבריאל קומט מאדאם (צו מענדעס'ן) ווארט דאָ איך קום באלד צוריק
(ער מיט איזאבעללא'ן אב)

ניינטער אויפטריט.

מענדעס.

מענדעס (אלליין קוקט זיך נאך פערוואונדערט) יא דאס איז זיא, דאס איז
פולטאן'ס ווייב, גבריאל'ס מוטעטר מערקווירדיג! וויא קומט זיא אהער, וויא

עס ווייזט אוים ווייס זיא ניט אז גבריאל איז איהר זאָהן, און גבריאל ווייס ניט אז זיא איז זיין מוטטער, איך קען דאס גאָר ניט פערשטעהן (ער געהט ארום פערטראכט) פולטאן'ס ווייב, גבריאל'ס מוטטער דאָס איז אונפערשטענדליך אונבעגרייפליך.

10טער אויפטריט.

מענדעס — גבריאל.

מענדעס ווער איז דיא פרוי?

גבריאל דאָס איז אדמאן'ס מוטטער.

מענדעס (העכסט פערוואונדערט) אדמאן'ס מוטטער? אדמאן איז איהר זאָהן?

גבריאל איך פערשטעה גאָר ניט וואס וואונדערט איהר זיך אזוי.

מענדעס אדמאן איז איהר זאָהן?

גבריאל איך זאָג דאָך אייך אז אדמאן איז איהר זאָהן.

מענדעס (אין א זייט) איז אדמאן גבריאל'ס ברודער? (צו גבריאל'ן) וואָס טהוט זיא דאָ?

גבריאל עס איז א געלעכטער מיט דער פרוי, זיא האט זיך איינגעבילדעט אז איך בין עהנליך צו איהר פערשטאָרבענעם מאַן, זיא שרייט אַלץ אז זיא האט מיך דערפאר ליעב וויא א אייגען קינד, היינט איז זיא צו מיר צו געשטאַנען איך זאָל זיא בעקאַנט מאַכען מיט ערינה'ן (דער יעזואיט ענטפערט ניט און געהט ארום פערטראכט איבער דעם צימער) וואס געהט איהר ארום אזוי פערטראכט הייליגער פאטער?

מענדעס (האפט זיך אויף וויא פון שלאָף) גאָר נישט! דוא ביזט געוועזן ערשט בייא אדמאנ'ן?

גבריאל יא, איך האב היינט אויך געמוזט געהן מיט איהם אין זיין שוהל, איהר וועט ניט לאכען מענדעס ווען איך וועל אייך דערצעהלען א נארישקייט.

מענדעס וואס פאר א נארעשקייט?

גבריאל אדמאן האט מיר געוויעזען א ספר תורה מיט א גאָלדענע קרוין, איז מיר דיא ספר תורה מיט דער קרוין אזוי קענטליך פאָרגעקוממען, איך

וואָלט געשוואָרען אז איך האָב זיא שאָן ערגעץ געזעהן, וואס איך האב מיר צו בראָכען דעם קאָפּף קלערענדיג וואו איך האָב זיא געקענט זעהן, איך קען מיך אבער בשום אופן ניט דערמאָנען.

מענדעס דאָס איז טאקע ניט מעהר וויא א נארישקייט, נאָר זאָג מיר וואָס הערט זיך דאָרט מיט דזאקווינה'ן האסטו שוין מיט איהר גערעדט?

גבריאל יא איך האָב מיט איהר גערעדט, נאר וויא איך האב בעמערקט שרעקט זיא זיך פאר מיך ווען זיא רעדט מיט מיר קען זיא מיר גלייך אין דיא אויגען ניט קוקען, זיא איז שטערבליך פערליעבט אין פעדראָ'ן.

מענדעס היינטיגער טאָג וועט מאכען א סוף צו דער ליעבע.

גבריאל וואס הייסט עס וועט ווערען א סוף צו דער ליעבע?

מענדעס זעהר איינפאך זיא וועט איהם פיינט קריעגען און דיך ליעב האבען.

גבריאל איך פערשטעה גאָר ניט דיא ווערטער וואָס רעדט איהר?

מענדעס (נעהמט ארויס א בריעף פון טאש) נוא געה טראג אוועק דעם בריעף צו דזאקווינה'ן.

גבריאל (בעטראָכט דעם בריעף) וואס איז דאָס פאר א בריעף? עפּעס שרייבט פעדראָ צו מיין טאָכטער וואָס איז דאס?

מענדעס פרעג קיין פראגען ניט אין געה גיעב איהר איבער דעם בריעף, אז זיא וועט זיך גוט דערשרעקען זאלסטו א הר אָנהייבען פאָרשצוטעלען וויא גליקליך זיא וועט זיין פאר דיר דוא הערסט?

גבריאל (קוועטשט מיט דיא אקסלען) זאָגט מיר נאר הייליגער פאטער דאָס איז ווירקליך פעדראָ'ס האנדשריפט?

מענדעס יא דאס איז זיין האנדשריפט געה גיעב איהר איבער דעם בריעף און אויב זיא וועט נאָך אללע זאכען מיט דיר פאָרט ניט וועלען הייראטהען זאלסטו איהר דערמאנען דעם פייער טאָדט, דוא הערסט?

גבריאל איך הער, איך וויים אָבער ניט צו......

מענדעס זאָג וואס וויסטו ניט.

גבריאל עפּעס רייסט מיר דאָס הערץ מיר איז זעהר שווער אוים צו ריידען א שלעכט וואָרט ביי אדמאנ'ן אין הויז איך מוז אייך זאָגען אז איך האב דיא פאמיליע שטארק ליעב בעקומען, איך קען זייא קיין שלעכטס ניט טאָהן.

מענדעס נוא זייא ניט קיין נאר, געה גיעב איהר איבער דעם בריעף, קום, איך געה פארבייא אדמאנ'ן וועל איך דיך בעגלייטען ביז אדמאנ'ס הויז (ביידע אב).

זיעבענטעס בילד.

ערשטער אויפטריט.

(בייא אדמאנען אין לוסט־גארטען)

דזאקווינה (אלליין, זיצט אונטער א בוים און זינגט)

.1

אללעס איז שעהן ארום אין ארום
דער זוממער שטעהט אין פאללען פראכט
דא גרינט א בוים, דא בליהט א בלום
דיא גאנצע נאטור זינגט און לאכט
נאר איין בעשעפּעניש איז דא אין דער וועלט
וואס ציטערט זיך ריהרען מיט א גליד
עס ציטערט און טרעסעט וויא פון קעלט
עס הייסט מיט דעם נאמען עלענדער יוד.

.2

פאר איהם איז קיינמאל קיין זומער ניטא
פרעהליך קען ער קיינמאל ניט זיין
ער האט קיינמאל קיין בערוהטע שעה
ער זעהט ניעמאלס דיא ליבטיגע שיין
מען דריקט איהם, מען קוועטשט איהם נאר אהן א שיעור
מען יאגט איהם מען שלאגט אויף יעדען טריט
קוים נעהט ער צו, צו דער גליקעס טהיר
שרייט מען אוועק דוא פערפלוכטער יוד.

אך דוא עלענדער אונגליקליכער יוד! מיט וואס האסטו זיך אזוי פערשולדיגט וואס מען האט דיך אזוי פיינד וואס מען איז אזוי דורשטיג צו דיין בלוט, צו אללע צרות קומט א סוף נאר צו דיינע ליידען צו דיינע יסורים איז קיין גרענעץ ניטא, שוין טויזענדער יאהר מוטשעט מען דיך טויזענדער יאהר טרינקט מען דיין בלוט

און דיינע שונאים ווערען גאַר ניט בעססער, מ ןקען דיך ניט ליידען מען קען ניט זעהן אז דוא לעבסט, וואָס האסטו אזויגס געטאָהן אונגליקליכער יוד? וואס ביס ו שולדיג וואָס גאָטט האט דיר א נשמה געגעבען וואס דוא אטהעמסט אויף דיא לופט פון דער וועלט, וואו איז דיין השגחה דוא גאָטט פון ישראל? ווארום האסטו איבערגעלאזט דיינע יודען וויא עלענדע שעפעלעך צווישען טיגערען קוק אראָפּ הימלישער פאטער, קוק אראָפּ וויא מען פלאָגט דיין פאָלק ישראל, מען ברענט זייא מען בראָט זייא מען פערגיסט וויא וואססער זייער בלוט, אָה! שוין צייט, שוין צייט דוא זאָלסט אויף זייא רחמנות האבען, שוין צייט דוא זאָלסט זעהענדיג מאכען דער בלינדער וועלט מען זאָל זעהן אז מיר זיינען מענשען גלייך מיט אללע (אין דער מינוט קומט אריין גבריאל אין גארטען ער נעהמט צו פערנייגט זיך.)

צווייטער אויפטריט.

דזאקווינה — גבריאל.

דזאקווינה (אויפשפרינגענד ערשראָקען) וואָס טהוט איהר דאָ? וועמען בעדארפט איהר הערר?

גבריאל מיין זאָרג וועגען אייך עדעלע דזאקווינה האט מיך געטריבען אהער.

דזאקווינה ווער פערלאַנגט דאס פון אייך איהר זאָלט פאר מיר זאָרגען.

גבריאל זייט ניט אזוי אין כעס שעהנע דזאקווינה, ערלויבט מיר נאָר עטליבע ווערטער צו זאָגען האָף איך אז איהר וועט מיר גאַר אנדערש בעהאנדלען.

דזאקווינה נוא רעדט לאָמיר הערען וואָס איהר ווילט?

גבריאל איך בין געקומען אייך עפּענען דיא אויגען, איהר זאָלט זעהן אַז דער מענש אין וועלכען איהר זייט אזוי איינגעליעבט איז אייך פאלש.

דזאקווינה רעדט וועמען מיינט איהר.

גבריאל איך מיין אייער חתן פעדראָ פון פערריירא.

דזאקווינה איך בעט אייך מיין הערר איהר זאָלט פאר מיר ניט זאָרגען און איהר זאלט אויף מיין חתן קיין שלעכט וואָרט ניט ריידען ווען ער איז פאַלש וועט קיינער פון איהם ניט ליידען וויא אויכער איך.

גבריאל נעהמט ניט פאר אומגוט עדעלע פריילין, איך מוז אייך זאָגען אז איהר

האָט א טעות, פון א שלעכטען פאלשען מענשען ליידעט ניט נאר איינער, אסך ליידען פון איהם אָט איז מיין טאָכטער שיער אין זיין נעטץ אריינגעפאלען.

ד ז א ק ו ו י נ ה איייער טאָכטער? וויא קומט איייער טאָכטער צו איהם?

ג ב ר י א ל דער פאלשער מענש גיט זיך עצות וויא אונשולדיגע מענשען אונגליקליך צו מאכען, נאט לעזט דעם בריעף וועט איהר פערשטעהן ווער איייער פעדראָ איז (ער רייכט איהר דעם בריעף).

ד ז א ק ו ו י נ ה (נעהמט דעם בריעף) וואס איז דאָס פאר א בריעף? (זיא קוקט אין דעם בריעף און ציטערט וויא פון פיבער) מיין גאָטט! איז דאס קיין שרעקליכער טרוים?

ג ב ר י א ל ניין פרייליין דאס איז ניט קיין טרוים, דאס איז ליידער זעהר וואהר, פעדראָ האָט אייך פערפיהרט, און האָט מיין טאָכטער אויך געוואָלט פערפיהרען (דזאקווינה קוקט אויף איהם מיטווילדע בליקען, זיא קוקט נאָך אמאָל אין דעם בריעף, ענדליך צורייסט זיא איהם, און זעצט זיך אניעדער אויף דער באנק פערהילט דאָס געזיכט אין דיא הענט און וויינט, גבריאל קוקט אויף איהר איייניגע מינוטען און זאָגט אין א זייט) קענטיג אז דער בריעף האט אויף איהר געווירקט, אצינד וועל איך פרובירען מיט איהר וועגען זיך צו רעדען (צו דזאקווי־נה,ן) פון דעסט וועגען זייט ניט אזוי פערצווייפעלט עדלע דזאקווינה, איהר מיינט אז ניט פעדראָ וועט איהר שוין קיין חתן ניט קריעגען, איך זאָג אייך אז אייך ערוואַרטעט א סך א גרעסערער גליק וויא מיט פעדראָ׳ן, איך מוז אייך דיא וואהרהייט זאָגען, אז איך ליעב אייך מעהר אלס זיך זעלבסט, איך בין יעדע מינוט פערטיג מיין בלוט פאר אייך צו פערגיסען, פערגעסט שעהנע דזאקווינה דעם פאלשען מענשען וועלכער פערשטעהט ניט וויא אייך צו שעטצען און עמ־פפאנגט דאָס גליק פון מיר, קוקט ניט וואס איך בין שוין אין יאהרען, מיין הערץ איז נאָך יונג פאר אייך (זיא ענטפערט ניט און זיצט אין דער פאָריגער פאָזע, גבריאל בעטראכט זיא און זאָגט אין א זייט) זיא שווייגט דאס איז א גוטער צייכען, איך וועל נאָך מיט איהר א ביסעל רעדען וועל איך שוין זיין פער־טיג (צו דזאקווינה׳ן) הערט נאר אוים דזאקווינה, הערט נאר אוים דעם מענ־שען וואָס דיא ליעבע צו אייך ברענט וויא א העלישער פייער אין זיין ברוסט, אך ווען איהר זאָלט מיר פאָלגען, זאָג איך אייך א איהר וואלט געווען דיא גליקליכסטע אין דער וועלט, איך וואָלט אייך פערשאפט אלעם וואָס א מענש קען נאר פערלאנגען, איהר ווייסט דאָך געוויס אז איך בין א מיליאָנער, אללע מיינע מיליאָנען שטעהען אייך צו דיענסט איך וועל בעשטענדיג נאָר מיינע

אויגען אנשטרענגנען צו זעהן וואס אייך פעהלט, און מיינע אויערען בענוטצען נאָר צו אייער פערלאנג, איך זאָג אייך אז אללע פרויען וועלען אייך מקנא זיין, אַללע וועלען זאָגען אז נאָר דזאקווינה איז דיא גליקליכסטע אין דער גאנצער וועלט (דזאקווינה זיצט אלס אין דער פאָריגער פאָזע און ענטפערט ניט, גבריאל קוקט אויף איהר און זאָגט אין א זייט) נוא יעצט איז בייא מיר קיין צווייפעל ניט אז מיינע רייד זיינען איהר אריין אין קאָפּף, איך בין שוין נאהענט צו מיין ציעל איך מעג שוין דוכט זיך אפריוו טאָהן איהר א קוש טאָהן (ער געהט צו נעהמט זיא ארום) ענטפער דאָך מיר ליעבע דזאקווינה (ער קושט זיא אין קאָפּף) זאָג מיר......

(דא ערוואכט זיך דזאקווינה וויא פון שלאף, גיט איהם מיט אללע קרעפטען א שטויס פון זיך, זאָ דאס ער שפּרינגט אב אייניגע טריט א הינטער און פאלט צו דער ערד).

ד ז א ק ו ו י נ ה (איהם אבשטויסענד) אנטלויף פון דאנען דוא אונמענש! פליה פון מיינע אויגען פערפלוכטער הונד, איך וועל דיר דאָ דיינע הונדישען קאָפּף אויף שטיקער צו שפּאלטען.

ג ב ר י א ל (שטעהט קוים אויף) אונגליקליכע! דוא ווייסט וועמען דוא האסט בעליידיגט דוא ווייסט דאס איך בין א קריסט און איך ווייס אז דוא ביזט א יודין.

ד ז א ק ו ו י נ ה (מיט א ווילדען געלעכטער) איך ווייס דאָס שוין פון לאנג, לויף דוא באנדיט לויף צו אונזערע פיינדע און ערצעהל אז איך בין א יודין, נאָר נעה אוועק פון דאנען, מיינע אויגען זאלע: דיין מאוס פנים ניט אנקוקען.

ג ב ר י א ל (מיט א גיפטיגען שמייכעל) איך נעה! זאָג דוא אָפּ דערווייל ווידוי, דען נאָך היינטיגען טאָג, וועל איך דיך פון דער וועלט פערטרייבען, דוא וועסט שוין וויסען פערפלוכטע יודין וויא א קריסט צו בעליידיגען (ער לויפט ארויס).

ד ז א ק ו ו י נ ה (זעצט זיך אבערמאלס אויף דער באנק, אויף דער סצענע ווערט דונקעל, מען הערט דאס ראלען פון דונערען, א בליץ בעלייכטעט דעם גארטען, זיא זיצט פערטראכט אייניגע מינוטען, און שפּרונגט נאכהער אויף וויא פון א שרעקליכען חלום ערוואכט) אך דוא פערפלוכטע וועלט אין דיר וואהנען ניט קיין מענשען נאר שדים, טייפלען, און דיא אייניגע וועלכע זיינען ווערט צו טראָגען דעם נאמען מענש, דיא דיענען נאר אלס שפּיעלצייג פאר דיא טיראנען אלס ציעל פאר דיא פּפיילען פון דיא בלוטגיעריגע באנדיטען (עס פאננט

אַבערמאלס אן צו דונערן און צו בליטצען) אָה! דוא אונגליקליכע דזאקווינה, וויא נאריש דוא ביסט געווען דאמיט וואָס דוא האסט געהאָפט אויף גליק, קיין גליק איז אויף דער וועלט ניטאָ, איך וויל שוין אין דיר מעהר ניט לעבען שלעכטע וועלט, איך ערוואַרטע שוין מיט אונגעדולד דיא דיענער פון געריכט זייא זאָלען מיך צום זאנפטען טויט פיהרען, איך האָב שוין ניט וואָס אָן צו ווערען וועמעס בין איך און ווער איז מיינער ווען דער איינציגער מענש אין וועלבען איך וואר אזוי איינגעליעבט, ווען פעדראָ אויף וועלכען מיין גאנצער האָפנונג וואר געשטיצט איז מיר אזוי פאַלש, וויל איך שוין קיין זאך ניט, איך וויל שוין ניט לעבען, אָה ווען איך זאָל קענען מיט מיינע נעגעל צורייסען דאס שלעכטע הארץ פון דער צויבערין וועלבע האט מיין איינציגע האָפנונגס־ליכט פערלאָשען, וועל־בע האט פעדראָ׳ס גוט הערץ אזוי שלעכט און הארט געמאכט, ווען איך זאָל זיא חאַטשי זעהן פאר מיין טויט וויא זיא וואשט זיך אין איהר בלוט וואָלט איך רוהיג געשטאָרבען.

3טער אויפטריט.

דזאקווינה — פעדראָ.

פעדראָ׳ס קול דזאקווינה! (ער לויפט אריין ערשראָקען, זוכט מיט דיא אויגען לויפט צו דזאקווינהן, אטהעמט קוים אָה דזאקווינה אנטלויף געשווינד דען דוא ביסט אונגליקליך.

דזאקווינה (שטיל רוהיג) וואס איז פאר א נייעס געשעהן?

פעדראָ דער טיראַן גבריאל האט דיך מיט דיין פאטער געמסערט פאר דער אינקוויזיציאָן, מען וועט באלד קומען נאך אייך.

דזאקווינה מען וועט באלד קוממען נאך מיר? זעהר גוט, איך ערוואַרטע זייא טאקע מיט אונגעדולד.

פעדרא וועה איז מיר דזאקווינה! וואָס רעדסטו? האָב רחמנות אויף מיר און אויף דיר, אנטלויף געשווינד, דען דער מלאך המות קומט באלד.

דזאקווינה זאָל ער קומען, איך האָב פאר איהם קיין מורא ניט, איך וועל איהם נאך פריינדליך דיא האנד געבען.

פעדראָ זעה דזאקווינה, וויא אַללע גלידער ציטערען אין מיר, רעטע זיך, אום דיין פאטערס ווילען, האָב מיטלייד אויף מיר!

דזאקווינה (לאכט ווילד) ערינה גבריאל'ס טאכטער וועט שוין אויף דיר מיטלייד האבען, אוועק פון מיינע אויגען דוא ניעדערטרעכטיגער!

פעדרא וואס איז דאס פאר א ווערטער, איך פערשטעהע דיך גאר ניט, אהה, איך הער מען נעהט, אנטלויף, דיא אינקוויזיציאן נעהט! (האפט איהר ביא דער האנד).

זאקווינה (רייסט איהר האנד אויס) אוועק פון מיינע אויגען, זאג איך דיר פאר דער היילינער אינקוויזיציאן טאהר מען ניט אנטלויפען, לאז מיך נעהן, זייא מקבל פנים זיין.

פעדרא (אויסער זיך) זא וואהר וויא גאטט לעבט, אז איך וועל דיר מיט נעוואלד פון דאנען אוועק טראגען, (ער האפט זיא אויף דיא הענד, הייבט מיט איהר אן צו לויפען זיא רייסט זיך אלץ פון זיינע הענד).

אינקוויזיציאנס -- דיענער.

(קומען אן פונקט זייא ענטגעגנען מיט געוועהר, זייא שטעלען דיא ביקסען אויס געגען זייא, פעדרא בלייבט שטעהן, ער לאזט דזאקווינה'ן אראפ, זיא גיט א געשרייא, חאלעשט אויף פעדרא'ס ברוסט.)

דער פארהאנג פאלט.

פירטער אקט.

ערשטער אויפטריט.

איזאבעללא — ערינה.

ערינה אבער וואס קומט אייך ארויס פון אייער קלאגען גוטע פרויא, ווייסט איהר דען ניט אז מיט אייער יאממער וועט איהר אייער מאן מיט אייער זאהן ניט לעבענדיג מאכען.

איזאבעללא עס ווייסט זיך גאר אליין מיין קינד מיינע וואונדען און שמערצען זיינען אזוי שטארק אז איך מוז וויינען, אזא אונגליק וויא מיך האט געטראפען קען זיך אזוי לייכט ניט פערגעסען. איך האב פערלארען מיין טהייערן

מאן מיט מיין ליעב קינד דורך א זאָנדערבארעס אונגליק, אָה ניט מיט קיין נא
טירליכען טויט איז מיין מאן געשטאָרבען, און ניט דורך א געוועהנליכען ארט
איז מיין זאָהן פון מיר גערויבט געוואָרען.

ערינה בערעכען אָבער גוטע פרויא אז דיין מאן איז יעצט אין א בעסערער וועלט, און ער פיהלט ניט דיא לעבענסשמערצען. און וועגען דיין פער־לאָרענעם זאָהן בעדארפסטו האָפפען צו גאָטט אז ער וועט איהם צו דיר צוריק ברייננען.

איזאבעללא טרייסט מיך ניט ליעבעס קינד דען דיין מיהע מיין שטירמיש הערץ צו בערוהיגען וועט זיין אומזאָנסט שוין 35 יאהר זיינען פאראיבער זייט דאס אונגליק האט געטראָפען, און מיינע טרערען ווילען זיך נאך ניט אויסטריקענען, און נאר דער טויט קען זייא פון מיינע אויגען אויסווישען.

ערינה דוא פערזינדיגסט זיך פאר גאָטט מיט דיין קלאָגען דוא בעדארפסט איהם דאנקען און לויבען דערפאר וואס ער האט דיר דיין זאָהן אדמאן איבערגעלאָזט וואָצו זאָלסטו זיך אליין דאס לעבען פערביטטערען מיט דיין יאממער.

איזאבעללא ניין מיין קינד מיין יאממער מאכט מיר גרינגער מיין שווער ביטטער הערץ ווען איך וויין מיך אויס ווערט מיר פיעל גרינ־גער איך ערקוויק מיך אלס איך דערמאָן מיך אן מיין אונגליקליכען מאן אין אן מיין זיסען זאָהן וועלכען איך אב ניט זוכה געווען צו ערציהען און דאס איז אויך דיא אורזאכע וואס מיך שלעפט אימער אין אייער הויז. דוא קענסט זיך ניט פאָרשטעלען מיין טאָכטער וויא טהייער דיין פאטער איז בייא מיר, ווייל ער איז עהנליך צו מיין גאָטט זעליגען מאן און ער הייסט נאָך דאצו גבריאל, וויא מיין פערלאָרענער זאָהן האט געהייסען. וואו איז ער יעצט דיין ליעבער פאטער, ווארום זאמט ער זיך היינט אזוי?

ערינה איך בין אויך אונרוהיג דאפון וואס ער זאמט זיך אזוי, נאר שא יעמאנד איז צו געפאהרען צו אונזער הויז דאס מוז זיין דער פאטער.

צווייטער אויפטריט.

פּאָריגע — בעדינטער נאכהער — פעליקס.

בעדינטער גנעדיגעס פריילין אייער גראָסספאטער איז געקאָמען (אב)
ערינה מיין גראָסספאטער? אך וויא גליקליך איך בין.
איזאבעללא וואו וואהנט דיין גראָסספאטער?
ערינה ער וואָהנט אין זיינס אגוט ניט וויט פון ליסאבאן שאן א יאהר האָ־
בען מיר איהם ניט געזעהן איך בין ניט אים שטאנד פאָרצושטעלען וואס
פאר א טהייערער מענש ער איז.
איזאבעללא איך פערשטעה אז קוים איז ער גבריאל׳ס פאטער איז ער
אָהנע צווייפעל א זעלטענער מאן (פעליקס קומט אריין).
ערינה (לויפט איהם ענטגעגען) פאטער זיסער ליעבער פאטער.
פעליקס (אומארעמט זיא) מיין קינד! מיין שעהנע ליעבע טאָכטער.
איזאבעללא (אין א זייט) דער מענש קומט מיר זעהר קענטליך פאָר.
ערינה אך וויא וועט זיך דער פאטער פרייען אז ער וועט אייך דאָ טרעפען
גוטער גראָסספאטער
פעליקס וואו איז דער פאפא וואס מאכט ער.
ערינה עס איז גאָטט זייא דאנק רעכט געזונד
איזאבעללא (אין א זייט) מיין גאטט! דאס איז ער? איז דאס מעגליך?......
אָה ניין עס קען ניט זיין,
פעליקס (צו ערינה׳ן) ווער איז דיא פרויא?
ערינה דאס אונזער נאכבארין און זעהר א גוטע פריינדין איזאבעללא דע־
אדמאן.
פעליקס וואס? וויא? איזאבעללא דע־אדמאן איז דאס ניט קיין חלום (בע־
טראכטענד איזאבעללא׳ן) יא דאס איז זיא.
איזאבעללא דאס איז ער, בייא מיר איז שוין נאָר קיין צווייפעל אז דאס
איז ער (בעטראכט איהם ערשראָקען).
פעליקס (צו איזאבעללא׳ן) וואס בעטראכט איהר מיך אזוי גוטע פרוי.
איזאבעללא (האלב וויינענד) מיין הערר..... פערצייהעט מיר...... זאָגט זיינט
איהר ניט דער גוטער ענגעל וועלכער......
פעליקס (לאבענד) וועלכער האָט איך א מאָל געראטעט פון א מערדערס

האנד, יא עדעלע איזאבעללא, איך בין דער נעהמליכער, וויא גליקליך איך בין וואס איך זעה אייך ווידער? (ער גיט איהר דיא האנד) וואס זשע מאכט איהר?

א י ז א ב ע ל ל א (ערגרייפט זיין האנד בעריהרט זיא מיט דיא ליפּפען וויינענד) מיין רעטער! מיין ענגעל! בין איך נאך אזוי גליקליך אייך מינדליך דאנקען צו קענען פאר אייער חסד וואס איהר האט געטאָהן מיט מיר צוריק מיט 35 יאהר און מיט מיין זאָהן (זיא וויינט זיך פאנאנדער).

פ ע ל י ק ס בערוהיגט אייך אונגליקליכע פרוי, וואס מאכט אייער זאָהן?

א י ז א ב ע ל ל א (אלץ וויינענד) מיין זאָהן איז גאָטט זיין דאנק איין לייט, ער איז רייך און ארענטליך, און האט א גרויסען נאמען, נאר איך דארף אייך פרעגען......

פ ע ל י ק ס איך פערשטעה וואס איהר ווילט פרעגען, געווים וועגען אייער צוויי־טען זאָהן.

א י ז א ב ע ל ל א (ציטערענד) עדלער הערר! מיין גוטער ענגעל, זאָגט קען איך נאך האָפפען איהם צו זעהן, לעבט ער.

פ ע ל י ק ס יא, ער לעבט און ער איז זעהר גליקליך.

א י ז א ב ע ל ל א (אויפהייבענד דיא הענד צום הימעל) גרויסער גאָטט איך וויים ניט וויא איך זאל דיר דאנקען פאר דיא גרויסע גוטע חסדים וואס דוא האסט מיט מיר געטהאָן (צו פעליקס'ן) גאָטט זאָל אייך בע־לאָהנען פאר דער גוטער בשורה, מיין רעטער נאר זאָגט מיר וואו איז ער? וואו וואהנט ער?

פ ע ל י ק ס (לאכענד) איהר שטעהט לעבען טייך און פרעגט וואו איז וואססער איהר פיהלט דען ניט אז איהר זיינט יעצט בייא אייער זאָהן אין שטוב.

א י ז א ב ע ל ל א (העכסט איבערראשט) הא! (זיא קוקט אמאל אויף ערינה'ן און א מאָל אויף פעליקס'ן) הא! גבריאל על־מעדזעע איז......

פ ע ל י ק ס איז אייער זאָהן מאדאם (ער חאפּט איהר אן זיא זאל ניט פאלען) נאר זייט ניט אזוי איבעראשט, מוטהיגט זיך קרעפטיגט זיך.

א י ז א ב ע ל ל א (פאלט אויף דיא קניע) נוא אצינד קען איך רוהיג שטארבען, איך בין דיינע חסדים ניט ווערטה גרויסער גאָטט.

ע ר י נ ה וואס הער איך, דיא גוטע איזאבעללא איז מיין גראָססמוטער.

פ ע ל י ק ס (ווישט דיא אויגען) יאָ מיין קינד דאס איז דיין ווירקליכע גראָססמו־טער, אומארמע איהר וויז איהר קינדערשע צערטליבקייט.

ע ר י נ ה (פאלט איזאבעללא'ן אויף דעם האלז) מוטטער ליעבע מוטטער.

איזאבעללא (דריקט ערינה'ן צו איהר ברוסט וויינענד) טאכטער זיסע ליעבע טאכטער מיינע (זייא קושען זיך איינינע מינוטען) וויא גליקליך בין איך מיין גבריאל'ס קינד אין מיינע הענד צו האלטען.

פעליקס (וועלכער שטעהט און ווישט דיא אויגען) שא אט געהט אייער זאהן אויף ליעבע איזאבעללא.

איזאבעללא (שפרינגט אויף פון ארט) זער געהט! ער געהט! מיין גבריאל געהט! אה גאטט גיעב מיר כח איך זאל קענען אזא גליק איבערטראגען.

פעליקס איהר זייט צו שטארק איבערראשט מאדאם, דאס קען אייך שאדען צום געזונד, קומט מיר וועלען אייך אריינפיהרען אין א בעזונדער צימער וועט איהר זיך א ביסעל צושפארען און זיך בערוהיגען נאכהער וועט איהר זיך ערקענען מיט אייער זאהן.

איזאבעללא ניין לאזט מיך! מיין קינד מיין ליעבען זאהן צו אומארמען.

פעליקס טוהט מיר צוליעב מאדאם און ווארט איינינע מינוטען ביז איהר וועט זיך בערוהיגען.

איזאבעללא איך מוז דאך אייך צו ליעב טאהן מיין טהייערער גוטער ענגעל (פעליקס מיט ערינה'ן פיהרען זיא ארויס אונטער דיא הענד.)

דריטער אויפטריט.

גבריאל — מענדעס.

מענדעס (הערייננקאממענד) זעהסטו אצינד האסטו געהאנדעלט וויא א העלד מען טאהר אויף אזעלכע פערפלוכטע מענשען קיין רחמנות ניט האבען (גבריאל ענטפערט ניט און זעצט זיך בעזארגט אויף א שטול) וואס ביזטו אזוי פערזארגט גבריאל?

גבריאל איך מוז אייך זאגען דיא וואהרהייט אז איך האב שטארק חרטה אויף דער גאנצער מעשה, וואס האב איך געהאט צו דיא ארמע מענשען וואס איך האב זייא אונגליקליך געמאכט, פאר וואס קומט דאס זייא וואס האבען זייא מיר געטאהן?

מענדעס וואס זייא האבען דיר געטאהן? חא, חא, חא! וואס הייסט דאס איז נאך וויניג וואס דזאקווינה האט דיך א שטוים געטאהן אז

דוא האסט שיעור דעם קאָפּף ניט צו בראָכען, און פאר וואָס? דערפאר וואס דוא האסט איהר צו נעזאָגט אלע גליקען.

נבריאל אז איך וועל אָבער בארעכענען בין איך ווערטה נעוועז דעם שטויס איך האָב איהר פון דער שפיטצע דעם גליקעס אראָפּ געשליידערט דאמיט וואָס איך האָב איהר נעוויעזען פעדראָ'ס בריעף צו ערינה'ן, און וועהרענד זיא איז געשטאנען אין אזא פערצווייפעלטע לאגע האָב איך איהר מיין ליעבע ערקלעהרט.

מענדעס פערקעהרט זיא האָט איהר געדארפט דאנקבאר זיין דערפאר וואָס דוא האָסט דיא אויגען געעפענט זיא זאָל זעהן וואָס פאר א פאלשער מענש פעדראָ איז.

גבריאל מיר ווייסען דאָך אָבער אז ער איז איהר ניט פאלש איהר האָט דאָך מיר שוין ערצעהלט פאר וואָס ער האָט דעם בריעף געשריעבען.

מענדעס יא דאָס איז אלץ אמת, אבער זיא ווייסט דאָך דערפון ניט, זיא מיינט דאָך אז פעדראָ איז איהר ווירקליך פאלש פאר וואָס זשע האט זיא דיך אזוי שלעכט בעהאנדעלט.

גבריאל וואָס האָב איך אָבער געהאט צו דעם אָרדענטליכען אדמאָנ'ן, ער האט דאָך מיר נעווים קיין שלעכטס ניט געטאָהן, פאר וואָס האב איך איהם אויפ'ן פייער געבראכט.

מענדעס איהם איז גלאט א מצוה געוועזן אויפ'ן פייער צו ברייננען דערפאר וואס ער איז א פערפלוכטער יוד.

גבריאל דאס זאָגט איהר מיר אזעלכע ווערטער מענדעס, מיר וואָס איך קען אייך און ווייס אז איהר זיינט ניט קיין יוד און ניט קריסט, מיר דערצעהלט איהר, אז עס איז איהם א יושר געוועזן אויפ'ן פייער צו ברייננען דער פאר וואָס ער איז א יוד, היינט וואס קומט אייך שוין דער פאר וואס איהר האָט א ווייב מיט קינדער וועהרענד א קאטאָהלישער פריסטער טאָהר קיין ווייב ניט האבען און וואָס קומט אייך דערפאר וואָס איהר ראבעוועט אונשולדיגע אָר־דענטליכע מענשען?

מענדעס (צאָרניג) וויא איך זעה ווילסטו זיך מיט מיר קריעגען איך פערשטעה ניט וואָס ווילסטו עס איז דאָך שוין פערפאלען, אדמאָן, פעדראָ מיט דזאקווינה'ן ליגען שוין אין אזא אָרט פון וועלכען דער טייפעל אליין וועט זייא פון דאָרט ניט ארויס שלעפּען.

גבריאל (זיפצענד) יא ליידער קען מען זייא שוין ניט העלפען, נאך גוט וואָס

אדמאנ׳ס מוטטער איז אין דער היים ניט געוועזן וועהרענד מען האָט זייא צוגע־
נומען דען זיא וואָלט אויך האָבען דעם זעלבען סוף וואָס איהרע אונגליקליכע
קינדער האבען געהאט, זיא מוז נאָך נעבאך ניט וויסען וואס פאר א אונגליק
איך האב אויף איהר הויז געבראכט.

מענדעס נוא זאָל דיר שוין זיין גענוג צו קלאָגען, נישט־קשה דוא דארפסט
קיין חרטה ניט האבען אויף דעם, דאס איז געוועזן א פערפלוכטע
פאמיליע, זיא וואָלט אהן דיר אויך סוף כל סוף אריינגעפאלען צו דיא פריסטער
אין דיא הענד אריין, איך געה אצינד אוועק און וועל קומען מאָרגען צו דיר,
דען איך דארף נאָך מיט דיר וועגען א וויכטיגע זאך רעדען, אדיע דערוויל. (אב)

פירטער אויפטריט.

גבריאל.

גבריאל (אליין) ארמער אונגליקליכער אדמאן וואָס האָב איך צו דיר געהאט,
ווארום האָב איך דיר אזוי אונגליקליך געמאכט, דוא ביזט דאָך מיר
געוועזן געטרייא מיט לייב און לעבען און האסט זיך אין מיר איינגעגלויבט וויא
אין א ברודער (פויזע) איך האב זעהר אונבעזאָנען אונבערעכענט געהאנדעלט,
איך בין גאָר קיין מענש ניט, און דאס קומט אלעס דאפון וואָס איך הער
דעם הערצלאָזען פריסטער מענדעס און פאָלג איהם אללעס וואָס ער הייסט מיר
ער וועט נאך ענדליך מיך אליין אויפ׳ן פייער ברייננגען.

5טער אויפטריט.

גבריאל — פעליקס.

גבריאל (אלס ער זעהט פעליקס׳ן לויפט איהם ענטקעגען) וואָס זעה איך?
מיין פאטער! (ער אומארעמט איהם) פאטער ליעבער פאטער.

פעליקס (קושט איהם) וואס מאכטסו מיין ליעבער גבריאל, געלויבט איז גאָט
וואָס מיר זעהען זיך געזונד וויא געהט דאָס דיר מיין זאָהן?

גבריאל געלויבט איז גאָט מיר געהט זעהר גוט, אך וואָס פאר איין אונער־
ווארטעטער גוטער גאסט ד.א ביזט.

פעליקס יא איך ווייס אז דוא ביזט צופריעדען מיט מיין קומען ליעבער גבריאל
און דוא ועסט נאָך מעהר צופריעדען זיין וועז דוא וועסט הערען דיא
וויכטיגע גוטע נייעס וואס איך האב דיר געבראכט.
גבריאל וואס פאר א נייעס, זעטץ דיך ליעבער פאטער און ערצעהל מיך.
פעליקס (זיך זעצענד) איך האָב צופעלינער וויזע געפונען דיין מוטטער.
גבריאל (העכסט ערשטוינט) מיין מוטטער?
פעליקס יא מיין קינד, דיינע מוטטער, דוא געדיינקסט דאָך געווים וואָס איך
האָב דיר ערצעהלט אז דיין פאטער איז געוועז מיינער א לעהרער,
און ער איז אין זיינע בעסטע יאהרען געשטאָרבען דורך א זאָנדערבארען צופאל,
נאָך זיין טאָדט האָב איך דיר אלס איין איינען קינד ערצויגען, און דיינע מוטטער
מיט איהר צווייטען זאָהן איז פערשוואונדען געוואָרען און איך האָב ניט געוואוסט
וואו זייא זיינען אהינגעקומען.
גבריאל יא דוא האסט דאס מיר ערצעהלט.
פעליקס נוא הייטע האָב איך זיך מיט דיינער מוטטער בעגעגענט, זיא וואָהנט
מיט דיין ברודער טאקע דאָ אין ליסאבאָן.
גבריאל דאָ אין ליסאבאָן?
פעליקס יא דאָ אין ליסאבאָן, אד וועז דוא זאָלסט זעהן וויא ערפרייעט זיא
האט זיך אלס זיא האט ערפאהרען אז דוא לעבסט, וויפיל פריידען
טרערען זיא האט פערגאָסען אויף דיין טאָכטערס האלז.
גבריאל זיא האָט זיך שוין געזעהען מיט מיין טאָכטער אויך?
פעליקס יא זיא האָט זיך שוין גזעהן; מיט דיין טאָכטער און צעהלט דיא
מינוטען זיא זאָל דיך קענען צו איהר מוטטער הערץ צו דריקען.
גבריאל איך בין אויסער זיך פאר פריידע, זאָג דאָך פאטער וואו איז זיא?
פעליקס זיא איז יעצט דאָ בייא דיר אין הויז.
גבריאל איז דאס מעגליך בייא מיר אין הויז (ער שפרינגט אויף פון אָרט).
פעליקס שטעה נאָר זייא נישט אזוי איבערראשט, איך וועל זיא אריינפיהרען
אהער (ער געהט צו צום טהיר עפענט זיא) קומט אריין ערעלע
איזאבעללא.
גבריאל (ערשראָקען) וויא? איזאבעללא?

6טער אויפטריט.

פאַרינע — איזאבעללא — ערינה.

איזאבעללא (לויפט אריין מיט אויסגעשפרייטע הענד) מיין זאָהן! מיין קינד!
גבריאל (אין א זיים) מיין גאָטט! איז דאָס ניט קיין שרעקליכער חלום! (עס ציטערט איהם אלע גליעדער).
איזאבעללא (אומארעמט גבריאל'ן) מיין טהייער ליעב קינד (זיא וויינט זיך פאנאנדער אויף איהם, זיא קושט איהם) מיין נשמה? מיין לעבען! (גבריאל שטעהט וויא פון א דאָנער געשלאָגען און ריהרט ניט מיט קיין גליעד.)
פעליקס זייא ניט אויסער זיך ליעבער גבריאל.
גבריאל (ערוואכט זיך וויא פון א שטארקען שלאָף, רייסט זיך אויס פון איהרע הענד) אָה בעריהר מיך ניט מוטטער מיט דיינע הענד, איך בין ניט ווערטה דיינע מוטערליכע ליעבע און צערטליכקייט, איך בין א באנדיט, א מערדער.
איזאבעללא וועה איז מיר וואָס רעדסטו מיין קינד?
פעליקס — ערינה וואס איז דאָס פאר א ווערטער?
גבריאל (חאפט זיך פאר דעם קאָפף) אָה גאָטט! שיק דיין דאָנער און ערשלאג מיך (צו איזאבעללא'ן) מוטטער, אונגליקליכע מוטטער, אנשטאט דיין ליעבע שיק אויף מיר דיין מוטערליכע קללה שעלט מיך איך האב דיין פלוך פערדינט.
איזאבעללא (ערציטערט) וואס איז דאָס מיט דיר (אָה גאָטט) קינד מיינס! איך וועל דיר ניט שעלטען, דוא מיט דיין ברודער זיינט בייא מיר טהייערער וויא מיינע צווייא אויגען אין קאָפף.
גבריאל (וויינענד) מיט מיין ברודער (צו איזאבעללא'ן) מוטטער אונגליקליכע מוטטער, דוא האסט שוין ניט מעהר וויא איין אויג אין קאָפף דיא צווייטע האב איך מערדער אויסגעשטאָכען.
איזאבעללא וואָס איז דאס פאר א ווערטער, פינסטער איז מיין וועלט.
פעליקס ערקלעהר דאָך גבריאל וואָס רעדסטו.
גבריאל מוטטער נעהם א מעססער און שיק איהם אריין אין מיין שלעכט הערץ, איך האָב דיינע אלטע יאהרען פערביטערט, איך האָב דיין

זאָהן מיט זיינע קינדער צום טייפעל אין דיא הענד איבערגעגעבען, איך האב מיין ברודער אויפ'ן פייער געבראכט, גרויס איז דיין שטראפע ר״כענדער גאָטט!

א י ז א ב ע ל ל א (העכסט ערציטערט) מיר איז שלעכט מיר איז ניט גוט (צו גבריאל'ן) זאָג געשווינד וואָס האסטו געטאָהן מיט מיינע קינדער.

ג ב ר י א ל אָה וויא שווער עס איז מיר דיך אזא נאכריכט צו ברייננען, איך האב זייא דעם גראָסס־אינקוויזיטאָר אין דיא הענד איבערגעגעבען און האָב ענדעקט אז זייא זיינען יודען.

א י ז א ב ע ל ל א (פאלט אָן קרעפטען אויף ערינה'ן) וועה איז מיר מיינע סינדער.

פ ע ל י ק ס דוא אונמענש וואָס האסטו געטאָהן.

ע ר י נ ה גרויסער גאָטט וואס פאר א אונגליק! (צו איזאבעללא'ן) מוטטער ליעבע מוטטער.

ג ב ר י א ל יא איך בין א אונמענש, א מערדער, פערהאסט מיך אללע, שעלט מיך ערשלאָגט מיך טוהט מיט מיר וואס איהר ווילט, (זיך קניענד פאר איזאבעללא'ן) מוטטער איך בין דער זינדיגסטער מענש אויף דער וועלט.

א י ז א ב ע ל ל א (הייבט אויף דעם קאָפּף קוקט אויף גבריאל'ן מיט ווילדע בליקען) יא, דוא האסט מיין פלוך פערדיענט, אָה איך שטארב און פאר מיין טויט מוז איך דיר מיין קללה שענקען טיראן, מערדער!

ע ר י נ ה אָה מוטטער שעלט איהם ניט, ער איז דאָך אייער זאָהן, מיין פאטער.

א י ז א ב ע ל ל א ניין! ער איז ניט מעהר מיין זאָהן, פארשאָלטען זאָל ווערען דער טאג אין וועלכען איך האב איהם געבאָהרען, גאָטט צאָרין זאָל דיך נאָך יאָגען אויף דיין יעדען טריט פערפלוכטער מענש.

ג ב ר י א ל (וויינענד) מוטטער!

א י ז א ב ע ל ל א שטיל! פערביטער ניט מיינע לעצטע מינוטען, מיט דער ערינערונג אז דוא ביזט מיין זאָהן, רוף מיך ניט מעהר מוטטער, ניין! איך בין ניט דיין מוטטער, איך בין דיין ערגסטע פיינדין, וועלכע געהט יעצט פאר גאָטט'ס ריכטער־שטול צו בעטען ער זאָל פון דיר אונמענש ראכע נעהמען פאר מיינע אָרענטליכע זיסע קינדער, איך וועל איהם בעטען ער זאָל זייער רייין בלוט פון דיר פון דיינע הענד פאָרדערען, ניט מיט דיין נאטירליכען טויט זאָלסטו שטארבען, דיין ענדע זאָל זיין גרויזאם, און זאָל דיענען אלס ביי־שפּיעל פאר דער וועלט, אללע זאָלכען אין דיין מפלה זעהן גאָטט'ס האנד, גאָטט'ס ראכע..... איך געה אוועק פון דער פערפלוכטער וועלט...... איך געה אהין וואָהין

מיינע כשרה ליעבע קינדער געהן...... אדיע הערר פעליקס! אדיע טאכטער מיינע, דיר זאָל גאָטט ניט רעכענען...... דיין פאטערס זינד...... גאָטטס שטראפע זאָל נאר...... איהם אליין טרעפען (זיא וויל אוועק געהן) איך מוז זיין דאָרט וואו מיינע קינדער זיינען.

גבריאל (שפ־ינגט אויף פון אָרט חאפט איהר האנד) ניין מוטטער איך וועל דיר ניט לאָזען געהן צום טייפעל, דוא מוזט לעבען.

איזאבעללא (גיט איהם מיט אללע קרעפטען א שטויס פון זיך זאָ דאס ער פאלט א הינטער) אוועק דוא ניעדערטרעכטיגער פון מיינע אויגען, איך מוז געהן צום טויט (זיא לויפט ווילד ארויס.)

גבריאל (פאלט פערצווייפעלט אויף דיא קניע). מוטער, מוטער, מוטער!

דער פארהאַנג פאלט.

פינפטער אקט.

אכטעס ביל ד.

(בייא גבריאל'ן אין הויז.)

ערשטער אויפטריט.

גבריאל.

גבריאל (אליין זיצט שטארק פערזארגט אויף א שטול, ער ווייזט אויס בלאס מעלאנכאליש, דיא צייט וואָס ער זיצט שטיל גיט ער זיך אללע וויי־לע א טרעססע ענדליך שטעהט ער אויף, מיט ווילדע בליקען קוקט ער אויף דעם פובליקום אין זאָגט מיט א געדעמפפטער שטיממע) היינט וועט מען זייא פאר־ברענען, יא היינט וועלען דיא גלאָקען פון אללע טהורמען זייער טויט ערקונדיגען און ווער האט דאָס פייער פון זייא אָנגעצונדען? איך! איך! אָה דוא מערדער!

דוא רוצח! וואס האסטו קיין רחמנות ניט געהאט אויף דיין אלטער מוטטער מיט איהר איינציגען זאהן דיין צערטליבען ברודער, וויא האסטו קיין רחמנות ניט געהאט אויף דעם אונשולדיגען רײנעם הייליגען ענגעל דיא שעהנע דזאקווינה, דזאקווינה (ווייגענד) דזאקווינה, פאר וואס האב איך דיך אין אזא גרויזאמער לאגע געבראכט (פויזע) שא, דאכט זיך מען קלינגט (הערט זיך צו) ניין מיר ווייזט זיך אלס אוים אז מען פיהרט זייא שוין צום שרעקליכען טויט, מיר קלינ־גען שוין דיא מאראלישע טענער פון דיא פריסטער בייא דער פערברענונג (שטארק פערצווייפעלט) ך מערדער מערדער, (ער שלאגט זיך מיט דיא פויסטען אין קאפף) אין איין סעקונדע האסטו געקוילעט דרייא בראווע ארדענטליבע מענשען דיין גאנצע פאמיליע, דאס האב איך אזוי בעצאהלט דער גוטער עלענדער איזאבעללא׳ן פאר דיא מוטטערליבע ליעבע וואס זיא האט מיר ערצייגט נאך איידער זיא האט ערפאהרען אז איך בין איהר זאהן? דאס האב איך אזוי בע־לוינט מיין גוטען ברודער אדמאנ׳ן פאר זיין אפפענהערציגקייט און פאר זיין טרייהייט אה גאטט פארצייע דאס מיר ניט, שטראף מיך מיט דיא גרעסטע שרעקליכסטע יסורים, אזוי וויא מיינע מוטטער האט מיך געשאלטען דאס ועט נאך אלץ ווייניג זיין, דער גרויסער אקעאן וועט מיין זינד ניט אפשווײנקען, שא, איך הער מען קלינגט, מען שרייעט, דוכט זיך דזאקווינה׳ס שטיממע (ער הערט זיך איין) דאס מוז זיא שרייען פון גרויסע שמערצען אין דעם העלישען פייער (פויזע) ניין איך הער קיין שטיממע ניט, מיין קאפף איז אזוי שוואך אז דאס מינדסטע גערויש קלינגט אין מיינע אויערען וויא דאס ליארעם פון טויזענד גלאק־קען, פערפלוכט זאל ווערען דער טיראן, דער יעזואיט מענדעס, נאר ער האט מיך דערצו געבראכט ער האט מיר געגעבען דעם חלף אין דיא הענד איך זאל אפשניידען מיין ברודערס מיט זיינע קינדערס קעפף, ניין איך וועל ניט לאזען מען זאל זיי פערברענען, איך וועל לויפען זייא רעטטען (ער וויל לויפען און בלייבט שטעהן פערצווייפעלט) וואוהין וועל איך לויפען? וואס קען איך דא העלפען? זייא ליגען שוין צווישען טיגערנע ציין, זייא ליגען שוין בייא דעם טויט אין דיא הענד אך מערדער, מערדער, מערדער! (מיט דיא ווערטער זיך האלטענד מיטביידע הענד פאר דעם קאפף כויפט ער ארוים אב.)

צווייטער אויפטריט.

(מענדעס נאך איהם לויפט ערינה וויינענד).

ערינה ניין הייליגער פאטער, איך וועל אייך ניט אבטרעטען, איהר מוזט חאטש פעדראָ'ן רעטטען.

מענדעס איך האב דיר דאך אבער געזאגט, אז ער וועט נאך היינט זיין פרייא איך האב שוין גענדיגט מיט דעם גראָסס-אינקוויזיטאָר, ער האט מיר געשוואָרען אז ער האט שוין בעפאלען מען זאל פעדראָ'ן בעפרייען

ערינה אָה איך האב מורא אז איהר זאגט דאס נאר אום מיך צו בערוהיגען איך האב מורא אז מען וועט איהם היינט אויך פערברענען.

מענדעס זייא זשע ניט קיין קינד אז איך גיב דיר מיין עהרענוואָרט אז פעדראָ וועט נאך היינט בעפרייעט ווערען מעגסטו מיר גלויבען איך וועל דיר אָבער זאָגען דיא וואהרהייט אז איך וויים ניט צו דוא וועסט עפּעס אויס-שפּילען, דוא וועסט שוין פעדראָ'ס ליעבע ניט קויפען, ער איז אזוי פערליעבט אין אדמאנ'ס טאָכטער אז ער וועט דוכט זיך אָהן איהר שוין ניט קענען לעבען.

ערינה עס מעג זיין וואס עס וויל איך וויל אָבער ניט אז ער זאָל פארברענט ווערען.

מענדעס נוא האב איך דאך דיר מיין וואָרט געגעבען אז ער וועט נאך היינט בעפרייעט ווערען.

ערינה וואו איז ער יעצט?

מענדעס וואס הייסט וואו ער איז, ער זיצט נוט פערשלאָסען אין געפעננגיס.

ערינה צוזאמען מיט דזאקווינה'ן?

מענדעס ביז אהער איז ער געזעסען נור מיט אדמאנען, דען דזאקווינה אין דאמאלס ווען מען האט זיא געהאפּט, געפעהרליך קראנק געוואָרען דארום האט מען זיא געהאלטען אין שפּיטאל, היינט אז זיא איז עטוואס בעסער געוואָרען האט מען זיא אויך אוועק געפיהרט צום פאטער אין געפענגניס.

ערינה און וואָס מאכט מיין גראָססמוטטער איזאבעללא?

מענדעס דיא אלטע איזאבעללא איז גליקליכער ווייזע בעפרייעט געוואָרען פון איהר געפעננגיס זיא איז אין איהר קערקער געשטאָרבען.

ערינה זיא איז געשטאָרבען? (וויינענד) אונגליקליכע מוטער (זיא ווישט דיא אויגען און וויינט אייניגע מינוטען) פיעלייכט קענט איהר נאך הייליגער פאטער עפּעס טאָהן א טובה אדמאנ'ן מיט זיין טאָכטער אויך.

מ ע נ ד ע ס (צאַרניג) וואס?
ע ר י נ ה איך בעט אייך הייליגער פאטער פיליכט קענט איהר דיא צוויא אונ־גליקליכע רעטטען פון טויט, רעטטעט זייא, זייא זיינען דאָך אונזערע איינענע מענשען.
מ ע נ ד ע ס דוא ווילסט איך זאָל רעטען דזאקווינה׳ן וואס זיא האט דיין גע־ליעבטען צוגענומען.
ע ר י נ ה וואס איז זיא שולדיג אז זיא האט פעדראָ׳ן אויך אזוי ליעב וויא איך, זיא איז דען דאמיט אויס געוועזען צו טהאָן מיר שלעכטס, גלויבט מיר אז דאָס הערץ רייסט מיך ווען איך דערמאָן זיך אז זיא אזא יונגע בלום דארף אָבגעפליקט ווערן פון לעבענס־בוים אין איהר שענסטער בליטהעניצייט.
מ ע נ ד ע ס (צאַרניג) ניין, איך קען זייא ניט רעטען איך וויל זייא ניט רעטען, נענוג איז פאר מיר וואס איך האב דאָס לעבען געליינט אום פעדראָ׳ן צו בעפרייען (מען הערט גבריאלס שטיממע: ערינה קום אהער) געה דוכט זיך מען רופט דיך, זאָג דעם פאטער ער זאָל אריינקומען אהער, איך דארף איהם נעטהיג האבען (ערינה אב)

דריטער אויפטריט.

מ ע נ ד ע ס

מ ע נ ד ע ס (אליין) דער גבריאל מיט זיין טאָכטער זיינען איין אונגליק אויף מיר, זייא פערדולען מיר גאנצע טעג דעם קאָפּ מיט פוסטע זאַ־כען מיט דומהייט וואס ברענגען מיר איין פעניג ניט איין, וויא ווערט מען דאָ פון זיי פטור, צום אונגליק ווייסען זייא פון מיר א סך שלעכטס דורך וועלכע זייא קענען מיך אויף דעם פייער ארויף ברייננען, זאָ דאס איך ציטער א שלעכט וואָרט זייא צו זאָגען, און מוז זייא נאכגעבען וויא א מוטטער איהרע קליינע קינ־דער, מען דארף חלעבען עפּעס אויס זוכען א מיטעל פון זייא בעפרייעט צו ווערן נאָר וואס פאר א מיטטעל זוכט מען דאָ אויס? (ער געהט ארום פערטראַכט איבער דעם צימטער) צום אונגליק האב איך ניט מיט וואס גבריאל׳ן צו שרעקען ווער זאָל פאר מיר מורא האבען, אזוי וויא איך פאר איהם, ער וויא אויך ערינה ווייסען דערפון וואס איך האב דרייא פאמיליען אומזאָנסט בעשולדיגט אז זייא זיינען יודען אום פון זייא געלד צו שעפּען, און אז זייא האבען מיר ניט געוואָלט

נעבען וויפיל איך האב פון זייא פערלאנגט האב איך זייא אין פייער געוואָרפען ער וויס אויך דאפון דאס איך האב קינדער אין ליסאבאן, ער קען מיך נאך אמאָל דורך דיא געהיימניסע אין טיעפען אבגרונד ווארפען שלעכט, מען דארף מאכען מיט זייא אויך א סוף (ער טראכט) הא? דאס איז אפשר א פלאן, דאָס איז שוין איבעראל בעקאנט אז ווען איין גליעד פון איין פאמיליע איז בעשולדיגט אין יודאיזמוס זאָ פאלט שוין דער חשד אויף אלע גליעדער פון דער פאמיליע, אדמאן איז דאָך גבריאלים א ברודער, איך קען דאָס ריכטיג בעווייזען, היינט אז אדמאן מיט זיין מוטטער מיט זיין טאָכטער זיינען יודען איז דאָך דער חשד אויף גבריאל'ן אויך, יאָ! דאָס איז זעהר א קלוגער איינפאל איך וועל אזוי טאָהן (ער טראכט) איך מוז גבריאל'ן מיט זיין טאָכטער אויף שיקען אהין וואָהין אד־מאן מיט זיין טאָכטער וועלען היינט געהן.

פירטער אויפטריט.

מענדעס — גבריאל (קומט אריין ווילד דיא האָר צו ווארפען דיא קליידער היינגען אויף איהם).

מענדעס (אין א זייט) וויא שרעקליך ער זעהט אויס (צו גבריאל'ן) וואס פעהלט דיר גבריאל וויא איך זעה ביזטו קראנק.

גבריאל מען האט זייא שוין פערברענט?

מענדעס וואס איז דאָס פאר א פראגע דוכט זיך אז א פייער אָפפער געהט ניט אזוי שטיל צו, אללע גלאָקען וואָלטען געקלונגען.

גבריאל דוא הערסט דען ניט וויא דיא גלאָגען קלינגען.

מענדעס וואָס רעדסטו וואו הערסטו קלינגען.

גבריאל אזוי עס קלינגט ניט, אבי מיר ווייזט א גאנצען טאָג אויס אז עס קלינגט, ווער זשע האט דאָס ניט לאנג געשריען און געיאמערט?

מענדעס דוא ביסט יעצט אויפגעשטאנען פון שלאָף צו דוא שלאָפסט אצינד אויך, איך פערשטעה דיך גאָר ניט ווער שרייט ווער וויינט?

גבריאל (חאפט איהם פאר דער האנד) שא! הער זיך נאר איין דוא הערסט גאָר ניט?

מענדעס (הערט זיך איין) ניין איך הער גאָר ניט.

גבריאל דוכט זיך אימיצער וויינט.

נײן איך הער נאָר ניט קײנער װײנט ניב.

אל איך װײס נאָר ניט װאס דאָס בעדײט, מיר װײזט זיך נאָר אויס אז מען קלינגט און מען װײנט.

מענדעס דוא װײסט גבריאל, איך װעל דיר דערצעהלען א נײעס.

גבריאל װאס פאר א נײעס מען װעט זײא באלד פערברענען ?

מענדעס דאס איז ניט קײן נײעס.

גבריאל זאָג זשע שוין װאס פאר א נײעס?

מענדעס צוליעב דײן טאכטער װעט מען פעדראָ'ן בעפרײען פון טויט.

גבריאל װיא אזוי װעט מען איהם בעפרײען ?

מענדעס זעהר אײנפאך, איך האָב צוגעזאָגט דעם גראָסס־אינקװיזיטאָר א גרויסע סוממע און ער האָט מיך פערשפּראָכען איהם הײנט צו בעפרײען.

גבריאל אזוי מען װעט איהם בעפרײען, נאָר שא דוכט זיך מען קלינגט (מען הערט טאקע קלינגען).

מענדעס זעהסטו אצינד הער איך אויך קלינגען מען פיהרט זײא שוין פערברענען.

גבריאל (שפּרינגט אָפּ אײניגע טריט א הינטער) מען פיהרט זײא שוין פער־ברענען (ער שטעהט געגען מענדעס'ן און קוקט אויף איהם בעװעגט מיט װילדע בליקען און פּלוצים פאנגט ער אָן װילד צו לאכען.)

מענדעס (אין א זײט) װעה איז מיר, איך הײב אָן פאר איהם מורא צו האָ־בען ער װײזט אויס װיא װאהנזיניג.

גבריאל (גיט פּלוצים א שפּרונג אויף מענדעס'ן פאנגט איהם אָן צו שטיקען און שרײעט) מען קלינגט, מען שרײעט, מען יאמערט.

מענדעס (מיט א פערשטיקטען קול) אָה לאָז מיך אָפּ, דוא װעסט מיך דער־שטיקען, ראטעװעט!

גבריאל (שטיקט איהם נאָך מעהר און שרײעט) רעטעט (גבריאל שטיקט איהם אלץ און שרײעט אויף) (אויף דעם געשרײא לויפט ארײן ערינה.)

פערװאנדלונג.

נ י י נ ט ע ס   ב י ל ד.

(אין קערקער)

ערשטער אויפטריט.

א ד מ א ן — ד ז א ק ו ו י נ ה. (ביידע ליגען אויף דער ערד און שלאָפען פ ע ד ר אָ קוקט אויף זייא).

פ ע ד ר א שלאָפט זאנפט מיינע ליעבע! איהר האָט נאָך ווייניג צייט צו גענים'ן דעם זיסען שלאָף פון דעם לעבען, דען באלד וועט מען אייך פערטריבען אין דער עווינער וויעג און איהר וועט אנטשלאָפען ווערן מיט דעם עווינען שלאָף, פון וועלכען איהר וועט שוין קיינמאָל ניט ערוואכען, אָה גאָטט! ביז וואנען וועלען מיר דארפען שפיעלען קינסטליך אונזערע ראָלען, דאָס בעהאנדעלסטו אונז אזוי דערפאר וואָס מיר שטעלען בעשטענדיג איין אונזער לעבען פאר דיין היילינער אמונה? דאָס איז אונזער לאָהן פאר אונזער טרייהייט און ערגעבענהייט צו דיר? דוא קוקסט צו וויא מען מוטשעט וויא מען קוועלט דיין פאָלק ישראל און שווייגסט? אָה ארמער אונגליקליכער יוד! ביז וויא לאנג וועסטו ארומבלאָנ־זען וויא א עלענדער יתום אין דער גרויסער ברייטער וועלט און קיינער וועט אויף דיר רחמנות ניט האָבען, עס איז שוין דוכט זיך צייט מען זאָל דיך פאר א מענשען ערקענען און מען זאָל דיך עהרען דערפאר וואָס דוא ביזט געווען דער ערשטער וואָס האָט אין דעם איינציגען וואהרען גאָטט געגלויבט, אונגליקליכער יתום, ביז וואנען וועסטו וויינען און שרייען איך בין א יתום מיין טאטע איז ניטאָ. — (ער זינגט)

1.

עס בלאָנדזעט ארום א מענש אויף דער וועלט
ער געהט פון לאנד צו לאנד
ער ליידעט נעבאך שטענדיג הונגער און קעלט
און איז צו שפאָט און צו שאנד.
קיינער האָט מיט איהם קיין מיטלייד ניט
קיינער האָט איהם ניט ליעב

מען דריקט איהם, מען שטיקט איהם אויף יעדען טריט
מען לאָזט איהם ניט אין קיין שטוב.
ווער ביזטו עלענדער? פרעגט מען איהם
פאר וואָס האסטו קיין בערוהטע שעה
ער ענטפערט נעבאך מיט א וויינענדער שטים
איך בין א יתום מיין פאטער איז ניטאָ.

2.

ניט אלע מאָל בין איך עלענד געוועזן
ניט שטענדיג האב איך אונגליק געפיהלט
מיט א סך יאהר צוריק ווען איהר זאָלט מיך זעהן
וואָס פאר א ראָלע איך האָב געשפיעלט.
מיין פאטער האָט מיך צערטליך געליעבט
אין גאָלד האָט ער מיך בעקליידט.
ווען יעמאנד האָט מיך נאָר בעטריעבט
איז זיין שטראָף געוועזן דער טויט
וויא א שעהנע בלום האָב איך געבליהט
איך האָב ניט געהאט קיין שלעכטע שעה
היינט פערגיסט מען וויא וואסער מיין בלוט
וייל איך בין א יתום מיין פאטער איז ניטאָ.

3.

ווערענד דיא וועלט איז נאָך געוועזן בלינד
אללע זיינען אין דער פינסטער געזעסען
ווערענד מען האָט צו אָקסען געדיענט
און איינער האט דעם צווייטען געגעסען,
בין איך שוין דאמאלס העכסט קלוג געוועזן
און האָב געוואוסט פון דעם גרויסען גאָטט
וועלכער פיהרט דיא וועלט גאנץ אליין
און שאפט איבער לעבען און טאָדט
איך האב אללעמען צו פערשטעהן געגעבען
פון דעם וואָס הערשט אין הימעל און דאָ,
יעצט פארוויסטען מיר מיינע שיללער מיין לעבען
וייל איך בין א יתום מיין פאטער איז ניטאָ.

4.

האט רחמנות מענשען האָט מיטלייד מיט מיר
נענוג שוין צו טרינקען מיין בלוט
עפענט שוין אויף פאר מיר דיא טהיר
לאָזט מיך אין שטוב, פלאגט מיך ניט
בעטראכט זיך נאָר מיט א ריינעם פערשטאנד
ווארום טרייבט איהר מיך פון זיך אוועק
שטרעקט מיר אויס פריינדליך דיא האנד
און מאכט צו מיינע צרות איין עק
איך וויל ארבייטען פערדיענען מיין ברויט
לאָזט מיך חאָטש האָבען איין גוטע שעה
האָט רחמנות איך בין שוין האלב טויט
אָה! איך בין א יתום מיין פאטער איז ניטא.

דזאקווינה (זעצט זיך אויף קוקט זיך אום, זיא גיט א קוק א מאָל אויף אדמאנ'ן און אמאָל אויף פעדראָ'ן און פרעגט פערוואונדערט) פאטער וואו זיינען מיר?

אדמאן (וויינענד) אין געפענגנים טאָכטער מיינע, בייא דיא תלונים אין דיא הענד.

דזאקווינה (פערוואונדערט) אין געפענגנים? בייא דיא תליונים אין דיא הענד? וויא קומען מיר אהער?

אדמאן (אלץ וויינענד) אונזער אונגליק האט אונז אהער געבראכט.

דזאקווינה (זיך בעזינענד) אהא איך הייב מיך אָן צו דערמאנען, דאס האט אונז דוכט זיך גבריאל על־מעדזעע גימסר'ט.

אדמאן יא דער שלעכטער מענש האט אונז אויף דעם פייער געבראכט.

דזאקווינה וואָס זשע וויינסטו ליעבער פאטער (זיא ערגרייפט דעם פאטערס הענד) האסטו מיר ניט פיעל מאל געזאָגט אז דוא ביזט פערטיג יעדע מינוט צו שטערבען פאר אונזער היילינער אמונה.

אדמאן איך וויין ניט אויף מיין אונגליק טאָכטער, אויף דיין אונגליק וויין איך דער געדאנק אז דוא מיין זיססע ליעבע טאָכטער מוזט ענדען דיין לעבען אויף דעם פייער דער געדאנק פארביטערט דיא לעצטע מינוטען פון מיין לעבען.

דזאקווינה פאר מיר ליעבער פאטער זאָרג ניט ווייסטו דען ניט אז איך בין גענוג מוטהיג, גענוג שטאָלץ צו געהן געגען דעם טויט האָב

איך דיר פיעל מאָל ניט געזאָגט אז מיט דער גרעסטער פרייד בין איך פערטיג צו אָפּפערען מיין לעבען אויף דעם אלטאר פון מיין אמונה.

אדמאן מיר רייסט אָבער דאָס הערץ אז איך דערמאָן מיך אז דוא מוזט שטארבען אין דיינע בעסטע יונגע יאהרען, דוא האסט זיך נאָך ניט זאט אָנגעקוקט אויף דיא זאָנענשטראלען דוא האסט נאָך גאָר דער ליכטיגער וועלט ניט געזעהן און מוזט שוין אין פינסטערן גראָב זינקען, איך וויין גאָר צו ליעב דעם וויל איך האָב דיך דאצו געבראכט, איך, נאָר איך מיט מיינע נאַ־רישקייט אָה איך אליין האָב אויסגעגראָבען א קבר פאר דיר מיין טאָכטער דאמיט וואָס איך האָב אוים געזאָגט גבריאל'ן אז איך און מיין פאמיליע זיינען יודען.

דזאקווינה ניין פאטער דוא ביזט דאָ גאָר ניט שולדיג, איך האָב דיא בלר טיגע חתונה אויף געשפּיעלט, איך האב געוואָלט אריינפאלען צו אונזערע שונאים אין דיא הענד, אָה! איך האָב גאָר ניט בערעכענט אז איך וועל דיך אויך נאָך שלעפּען אהין.

אדמאן פארוואָס טאָכטער מיינע, פארוואָס האָסטו געוואָלט צו אונזערע שונאים אריינפאלען?

דזאקווינה (צייגענד אויף פעדראָ'ן) אָט דער שלעכטער מענש האָט מיך דאצו געבראכט.

פעדראָ (ערשראָקען) האָ! איך! איך האב דיר דאצו געבראכט?!

דזאקווינה (צאָרניג) יא דורך דיין פאלשקייט געגען מיר האסטו מיר דאָס לעבען צו לאסט געמאכט.

אדמאן וואס רעדסטו טאָכטער מיט וואָס איז דיר פעדרא פאלש געוועזן?

פעדראָ איך פערשטעה דיר גאָר ניט מיט וואָס בין איך דיר פאלש געוועזן.

דזאקווינה דוא וואנסט נאָך פאר דיין טויט זאָגען פאלש, אצינד וועט דיר דאס מאסקירען גאָר ניט העלפען.

פעדראָ אבער אום גאָטטעס ווילען, זאָג מיר מיט וואָס בין איך דיר פאלש געוועזן?

דזאקווינה דוא מאכסט זיך נאָך אלץ ניט פערשטעהענד, דוא האָסט ניט געשריעבען א בריעף צו גבריאל'ס טאָכטער אז דוא האָסט זיא ליעב, האסט דאָרטען ניט געבעטען איהר האנד?

פעדראָ יא ריכטיג איך האָב אזא בריעף געשריעבען.

דזאקווינה און דוא וואגסט זיך נאך זאגען אז דוא ביזט מיר ניט פאלש געוועזן.

פעדרא ניין דזאקווינה איך שווער דיר פאר דעם גאטט פאר וועלכען מיין נשמה וועט באלד שטעהן אבגעבען דין און חשבון אויף אללעס וואס איך האב אין מיין קורצען לעבען געטהאן, אז איך בין דיר ניט פאלש געוועזן, דעם בריעף האב איך נאר געשריעבען מיט דעם געדאנק דיך מיט דיין פאטער פון אונגליק צו פערהיטען.

דזאקווינה (ערשטוינט) איך פערשטעה דיך ניט.

פעדרא יא ליעבע דזאקווינה, איך האב דעם בריעף געמוזט שרייבען, דען דער פערפלוכטער מענדעס האט מיך דאצו געצוואונגען, ווען איך זאל דעם בריעף ניט געוועזן שרייבען, וואלט ער אונז באלד אין געפענגניס געווארפען.

דזאקווינה זאל איך דאס גלויבען אז דוא האסט מיך אלץ ליעב?

פעדרא מיין ליעבע צו דיר איז אזוי שטארק וויא דער טויט וועלכער וועט אויף אונז באלד קוממען.

דזאקווינה (העכסט ערפרייעט) איז אונזער ליעבע נאך אזוי שטארק וויא פריהער (פאלענד פעדרא׳ן אום דעם האלז) איך דאנק דיר מיין פריינד וואס דוא האסט מיר מיינע לעצטע מינוטען פארזיסט, יעצט וועל איך רוהיג שטארבען, מיך קריינקט נאר דער געדאנק אז דוא מיין ליעבער פעדרא דוא מוזט אויך שטארבען מיט אונז צוזאמען.

פעדרא דוא רעכענסט מיך וויא איך זעה פאר א אראקטערלאזען מענשען, דוא גלויבסט אז איך וואלט געקענט לעבען וועהרענד דוא געהסט צום טויט, ניין ליעבע דזאקווינה, אהן דיר קען איך איין מינוט ניט לעבען, איך האב שטענדיג בייא זיך בעשלאסען איך זאל מיט דיר לעבען אדער שטארבען.

דזאקווינה אך וויא נאריש און דום איך בין געוועזן, דאמיט וואס איך האב געגלויבט אז דוא מיין ליעבער פעדרא ביזט פעהיג צו זיין פאלש

פערצייהע מיר אויף דעם וואס איך האב אזא שלעכטע מיינונג געהאט ווענען דיר (פאלענד אדמאנ׳ן אויף דעם האלז) און דוא ליעבער פאטער פערצייהע מיך וואס איך האב דורך מיין לייכטזיננינגקייט דיך אויף דעם עלטער צו אזא גרוי־ זאמער לאגע געבראכט נאר ניין איך בין דיין פערצייהונג פאטער ניט ווערטה.

אדמאן (קושט זיא) טאכטער מיינע ניט דוא ביזט שולדיג אין מיין אונגליק אהן גאטטס וויללען טהוט זיך קיין זאך ניט מסתמא האט גאטט אזוי געוואלט, גאטט האט אונז נשמות געגעבען, און ער וויל זייא אצינד צוריק נעהמען

(אויפהייבענד דיא הענד נעגען דעם הימעל) ד' נתן ד' לקח יהי שם ד' מבורך.

דזאקווינה פאטער וואו איז דיא גראָססמוטטער?

אדמאן נאָטט האט שוין איהר נשמה צוגענומען.

דזאקווינה זיא איז געשטאָרבען?

אדמאן (וויינענד) יא טאָכטער מיינע זיא איז געשטאָרבען זיא האָט מיר פאַר איהר טויט א שרעקליכע געהיימניס פערטרויט.

דזאקווינה וואָס פאר א געהיימניס?

אדמאן דאס וועט דיר אונגלויבליך פאָרקומען, זיא האָט מיר פערטרויט אז אונזער מערדער גבריאל איז איהר אייגענער זאָהן.

דזאקווינה הא? גבריאל על-מערדזעע איז איהר זאָהן, דיין ברודער?!

אדמאן יא טאָכטער מיינע, זיא האָט דאָס ריכטיג ערפאהרען, און דער געדאנק אז איהר זאָהן האט זיא מיט איהרע קינדער צום טויט געבראכט

דער געדאנק האט איהר אין גרוב געטריבען.

דזאקווינה דאס איז ווירקליך שרעקליך!

פעדראָ דאס קומט טאקע אונגלויבליך פאָר.

אדמאן מסתמא אז מיין מוטטער האט דאס מיר געזאָגט איז דאָס ריכטיג.

צווייטער אויפטריט.

(פאָרינגע — דער וועכטער פון געפענגניס).

דער וועכטער דער היילינגער גראָסס-אינקוויזיטאָר מיט דיא איבריגע פריסטער וועלען באלד צו אייך קומען אונד אייער אורטהייל פאָר צו לעזען (אב.)

אדמאן (צו פעדראָ'ן מיט דזאקווינה'ן) ליעבע קינדער אונזער לעצטע שטונדע איז געקוממען לאָמיר חאָטש אָפּזאָגען ווידוי פאר דעם גרויסען יודישען גאָטט.

אדמאן (אליין) מיר האבען געזינדיגט גאָטט געגען דיר
האָב מיטלייד פערגיעב אונזערע זינד
מיר שטעהען שוין יעצט ביי דער עווינער טהיר
פאר דיין משפט וועלען מיר שטעהן געשווינד.

מיר טרעטען אריין אין דיא עווינע וועגען
און מוזען זיך באלד פון דער וועלט שיידען
שיק אונז גוטע מלאכים ענטגעגען
זייא זאָלען אונז פיהרען אין גן עדן.

א ל ל ע ד ר י י א אָה היממלישער פאטער האָב רחמנות
עפען פאר אונז אויף דיא גן עדן טהיר
עמפּפאנג מיט חסד אונזערע נשמות
מיר אָפּפערען זייא יעצט צוליעב דיר.

דריטער אויפטריט.

(פ אָ ר י ג ע — ג ר אָ ס ס ־ א י נ ק ו ו י ז י ט אָ ר מיט דיא איבעריגע פריסטער.)

ג ר אָ ס ס ־ א י נ ק ו ו י ז י ט אָ ר אים נאמען פון אונזער הייליגער רעליגיאָן בין איך אייך געקומען זאָגען יודען, אז ניט מעהר וויא אין איין שטונדע ארום ווערט איהר פערברענט, ווען איהר וועט מיט'ן גאנ־צען הערצען ניט איבערגעהן אונטער דיא פליגעל פון דער הייליגער קריסטליכער רעליגיאָן.

א ד מ א ן און איך ענטפער אייך אין דעם נאמען פון מיינע קינדער אז אין דער רעליגיאָן וואס מיר האבען געלעבט מוזען מיר שטארבען.

פ ע ד ר אָ — ד ז א ק ו ו י נ ה (אין איין שטיממע) מיר זיינען געוועזען יודען און מיר וועלען שטארבען יודען.

ג ר אָ ס ס ־ א י נ ק ו ו י ז י ט אָ ר (צו פעדראָ'ן) דוא יונגער מאנן דוא האסט א גרויסע זינד בעגאנגען, איך האָב שוין ריכטיג ערפאהרען אז דוא ביזט א וואהרער קריסט, נאר א פאלשע איינבילדונג האט דיך פערפיהרט, דיין ליעבע צו דער יודישעס מעדכען האָט דיך געצוואונגען דאצו דוא זאָלסט זאָגען אז דוא ביסט א יוד כדי דוא זאָלסט צוזאממען מיט איהר שטארבען, דאס איז פון דיינער זייטע זעהר אונרעכט, נאָר דיא הייליגע פריסטער האָבען ערקלעהרט אז דיא צייט וועט דיין זינד אָפּמעקען, דיא צייט וועט דיר דיא אויגען עפענען זאָלסט זעהן אז דוא ביזט א נאר, דארום האָט מען דיר פיר אונשולדיג ערקלעהרט און מען האָט דיך אויסגעשלאָסען פון דיא פערארטהיילטע דוא ביזט פרייא.

פעדראָ (ערשראָקען) ווער האָט דאָס אייך געזאָגט אזא ליגען, ניין איך האָב געזאָגט און זאָג יעצט אויך, אז איך בין שטענדיג געוועז א יוד און בין אצינד אויך א יוד.

גראָסס־אינקוויזיטאָר נור דער טייפעל רעדט אויס דיר.

פעדראָ דער טייפעל זיית איהר זעלבסט, דען נור דער טייפעל קען זיך ערלויבען אונשולדיגע מענשען זאָ אונערבארמליך צו מארטערן איך וויעדערהאָלע מיינע וואָרטען דאָס איך בין איממער יודע געוועז און אלס יודע וויל איך שטערבען.

גראָסס־אינקוויזיטאָר טרייבט איהם ארויס פון דאנען (סאָלדאטען שלעפען פעדראָ'ן צום טהיר).

פעדראָ דיא טויערן פונ'ם טויט וועסט דוא פון מיר ניט פערשליסען, צוואָמען מיט דיעזע לייטע ווער איך פערלאססען דיא שלעכטע וועלט אין וועלכע זאָלכע מערדער וויא דוא ביזט בעפינדען זיך. (אב)

גראָסס־אינקוויזיטאָר (צו אדמאן) נוא אונגליקליכער, דוא האסט נאָך צייט זיך און דיינע טאָכטער צו רעטען.

אדמאן דיין רעטונג איז מיר ביטערער אלס דער טויט, איך בין פעסט ענטשלאָססען צו שטערבען.

גראָסס־אינקוויזיטאָר גוט, זאָ זאָל זיך דיין זינדיגע זעעלע אין דיא פלאמען אויסלייטערן.

אדמאן דוא האָסט מיטלייד מיט מיין זעעלע, דוא ווילסט זיא זאָל זיך אויסלייטערן, אָה איהר טיראנען! איהר מענשען־פרעסער! ביז וויא לאנג וועט איהר אייערע מאָרדטאטהען פערדעקען מיט א פרומער מאסקע זאָגט אָפען דאָס איהר ווילט אונז פערברענען דערפאר וואָס איהר האָט פערגניגען צו זעהן בלוט און האָט ליעב צו הערען דאָס געשרייא פון דיא ליידענדע, אָבער איך האָפפע דאָס מיין אויסגעלייטערטע זעעלע וועט זעהן דאָרט אין הימעל וויא אייערע זינדיגע זעעלען וועלען זיך קיין מאָל אויסלייטערן, קום מיין טאָכטער לאָמיר ציינען דיעזע באנדיטען דאָס קיין זאך אין דער וועלט קען אונז ניט אבּרייסען פון אונזער הייליגע רעליגיאָן.

גראָסס־אינקוויזיטאָר שלעפט זייא צום אויטא דע פע (סאָלדאטען פיהרען ארויס אדמאן מיט דזאקווינה.)

צעהנטעס בילד.

(דאס אוטא דע פע א גרויסער פלאץ פאר א קירכע מען זעהט א עשאפאט וואו מען פערברענט פערברעכער פון איהם געהט א רויך דיא גלאָקען פון דער קירכע קלינגען. פריסטער אין זייערע הייליגע קליידער, מיליטער, פאָלק. מען פיהרט אריין אדמאן מיט דזאקווינה. דיא פריסטער זינגען א הימנע.)

גראָסס־אינקוויזיטאָר (צו אדמאן) צום לעצטען מאָל זאָג איך דיר דאס דוא קענסט זיך פון טויט רעטען ווען דוא ווערסט א פרומער קריסט ווערען.

אדמאן — דזאקווינה ניין מיר ווילען שטערבען יודען.

גראָסס־אינקוויזיטאָר שלעפט זייא אין פייער.

אדמאן ערלויבט דאָך מיר זיך געזעגענען מיט מיין טאָכטער בעפאָר מיר שטערבען.

גראָסס־אינקוויזיטאָר דאָס איז דיר ערלויבט.

אדמאן (אומארעמט און קוסט זיין טאָכטער) נעה טאָכטער מיינע גיעב צוריק אב דינע זעעלע דעם ווער עס האָט זיא דיר געגעבען בעט איהם דאַ־בייא ער זאָל ראכע נעהמען פאר דיין יונג פערגאָסען בלוט.

דזאקווינה (קושט איהם) מיין גוטער ליעבער פאטער, גאָטט ועט נעווים פאר אונזער בלוט נים שווייגען, מיט פריידע נעה איך יעצט נעגען דעם טויט, ווייל איך וויים דאס איך אָפפערע מיך אויף פאר דעם גאָט פון איזראעל.

גראָסס־אינקוויזיטאָר עס איז שוין צייט (דאס פייער אויפ׳ן עשאפאָט פערגרעסערט זיך פלאמען לאדערן אויף.)

אינקוויזיציאָנס דינער (נעהמען אדמאנ׳ן אונטער דיא הענד) קום פערפלוכטער יודע (ווארפען איהם אין פייער.)

דזאקווינה פאטער איך קום נאך דיר (שפרינגט אריין אין פייער) שמע ישראל ה׳׳ אלהינו ה׳׳ אחד!

פעדראָ׳ס שטימע אויך איך קום נאך אייך (פליהט אריין) ברוך ה׳׳ אלהי ישראל (שפרינגט אויך אין פייער.)

דער פאָרהאנג פאלט.

ענדע.

א טהעאטער אין הויז

עדער איינער וועט יעצט דיא מעגליכקייט האבען צו לעזען דיא בעריהמטעסטע אידישע טהעאטער שטיקע אין בוך־פארם, פיעסען פיר וועלכע עס זיינען בעצאהלט געווארען טויזענדע דאללארס וועט יעצט יעדער איינער קענען קויפען פיר

בלויז 10 סענט

יעדע טהעאטער שטיק ענטהאלטעט אלעס וואס ווערט געשפראכען און געזונגען אויף דער ביהנע מיט אלע איינצעלנהייטען. וויא דאס שטיק ווערט אויפגעפיהרט און צוזאמענגעשטעלט. ווען איהר לעזט דיעזע טהעאטער שטיקע אין בוך־פארם דוכט זיך אייך אז איהר זיצט אין טהעאטער און לעבעדיגע פערזאנען ריידען פאר אייך. דיעזע דראמאטישע ווערקע, אבוואהל זיי זיינען שוין געשפיעלט געווארען פון דעסטוועגען זיינען זיי אזוי גוט און נאך בעסער וויא נייע, ווייל הערען אליין איז נאך ווענינ, ווען מיר ווילען בעגרייפען גוט איין האנדלונג און פערשטעהן א כאראקטער מוזען מיר עס לעזען פון א בוך, ערשט ווען מיר לעזען דיא דראמא פערשטעהען מיר עס ריכטיג אבצושעטצען.

בר כוכבא . פון א. גאלדפאדען

מליץ יושר אדער רבי יאזעלמאנן „

אחשורוש „

דיא קאקעטע דאמען פון נ. מ. שייקעוויטש (שמר)

דער לעבעדיגער טויטער „ „

המן דער צווייטער „ „ „

דיא שפאנישע אינקוויזיציאן „ „

רבקה אדער א פונק אידישקייט „

יעדע טהעאטער שטיק קאסט בלויז 10 ס. מיט פארטא 12 כ.

אין פארבערייטונג

פיעלע אנדערע אידישע טהעאטער שטיקע.

פערלאג פון

ב. ראבינאוויטץ,

398 גרענד סטריט. ניו יארק.

נאכדעם וויא איהר וועט דורכלעזען „אוריאל אקאסטא“ זאלט איהר קויפען און לעזען

ברוך שפינאזא

דאס לעבען און דיא פערפאלגונגען פון דעם גרעסטען אידישען פילאזאף, פערוויקעלט אין אן אנציהענדען ראמאן, נאך בערטהאלד אויערבאך, פון ב. גארין.

ברוך שפינאזא איז איינער פון דיא וויכטיגסטע פערזאנען אונטער אידען אבער זעהר ווייניג אידען ווייסען ווער שפינאזא איז געוועזען, און וואס איז בעשטאנען זיין פילאזאפיע. ווארום האט מען איהם ארייגעלייגט אין גרויסען חרם, ווארום פארגעטטערט מען איהם יעצט און נאך און נאך אזעלכע וויכטיגע זאכען. אלע יעצטיגע גרויסע פילאזאפען און דיא אמאליגע האבען זיך בענוצט און זיך זעלבסט בעריהמט געמאכט שטודירענדיג און נאכאהמענדיג שפינאזאס פילאזאפיע.

בערטהאלד אויערבאך וועלכער איז בעוואוסט אלס דער גרעסטער וועלט־בעריהמטער דייטשער שריפטשטעלער און ראמאניסט און אלס איינער פון דיא בעסטע שפינאזאס היסטאריקער האט זיך מיט זיין ווערק „ברוך שפינאזא“ בעריהמט געמאכט און עס איז אנערקענט געווארען אלס דאס בעסטע ווערק פון דיעזען אונאיבערטראפענעם דייטשען שריפטשטעלער.

דיעזעס ווערק אין אידיש איז אזוי מייסטערהאפט דיא זעלטען שעהנע שילדערונגען זיינען אזוי בעצויבערענד אז ווען איהר לעזט דיעזעס ווערק דיינקט איהר אז עס איז געשריעבען אריגינאל אין אידיש. דאס ווערק איז זעהר אינטערעסאנט און אנציהענד פון אנפאנג ביז ענדע.

דער פרייז פיר דאס גאנצע ווערק איז בלויז 20 סענט פארטא פריי.

דיעזעס ווערק ענטהאלט אויך שפינאזאס ביל.ר

פערלאג פון

ב. ראבינאוויטץ

398 גרענד סטריט, ניו יארק.

דיא נייעסטע ווערק פון טאנענבוים'ס פעדער

דאס בעסטע מייסטערווערק פון דעם גרויסען שריפטשטעלער

דיא געלונגענסטע ערצעהלונג וואס טאנענבוים האט געשריעבען

חאדשי סטאוראס

דער רויבער הויפטמאן

א וואהרע געשיכטע וואס האט פאסירט פאריגען יאהרהונדערט אין גריעכענלאנד און האט געמאכט שטורמען דיא גאנצע ציוויליזירטע וועלט.

חאדשי סטאוראס אדער „דער ניט-געקרוינטער קעניג" — וויא דער פערפאסער רופט איהם, האט מיט זיינע מערקווירדיגע רויבערייען אויפגערייצט איינינע רעגיע־רונגען נעגען זיך. עס האט געקאכט איבער איהם איינינע יאהר אין גאנץ אייראפא

חאדשי סטאוראס

איז איינע פון דיא אינטערעסאנטעסטע ערצעהלונגען מייסטערהאפט געשילדערט, זעהר בעלעהרענד, און העכסט אמוזאנט.

דער פערפאססער פון דיעזעס ווערק פיהרט אייך אוועס אין א גאנץ אנדער וועל מיט אנדערע מענשען, אנדערע טיפען, אנדערע כאראקטערע און ער שטעלט איי פאר אזעלכע אינטערעסאנטע בילדער און סצענען פון וועלכע אייער גייסט ווע רייכער אייער דיינקונגס-קראפט טיעפער און אייער פערשטאנד לאגישער.

דאס גאנצע ווערק קאסט בלויז 10 סענט מיט פארטא 12 סענט.

פערלאג פון

ב. ראבינאוויטץ,

398 גרענד סטריט, ניו יארק.

לא תרצח

א ווערק איבער „וועגעטאריאניזם" איבערזעצט פון זיין ווערק אין ענגליש בײ

א. ה. פריינקעל.

וואס איז „וועגעטאריאניזם"?

„וועגעטאריאניזם" הייסט ניט עסען קיין פלייש, פיש און אלעס וואס האט אין זיך פריהער געהאט א געפיהלפאללע לעבען.

ווארום זאל מען ניט עסען קיין פלייש?

איז פיש אדער פלייש געזונד פיר דעם מענשען?

וועלכע שפייזען זיינען יא געזונד פיר דעם מענשען?

דיעזע פראגען און נאך פיעל וויכטיגע אבהאנדלונגען וועט איהר ערפאהרען ווען איהר וועט דורך לעזען דיעזעס בעריהמטעס ווערק.

דער ערשטער טהייל „לא תרצח"

האט געמאכט זעהר א גרויסען ערפאלג ביי אלע אידען אין דער גאנצער וועלט, דיא נאכפראגען זיינען אזוי גרויס אז איך האב בעשלאסען יעצט ארויסצוגעבען דעם

צווייטען טהייל „לא תרצח"

דער צווייטער טהייל

איז זעהר אינטערעסאנט, וויכטיג און בעלעהרענד און איך האפפע אז דער צווייטער טהייל וועט אהנע צווייפעל מאכען דעם גרעסטען סוקסעס ביי אלע קלאססען לעזער.

דער ערשטער טהייל „לא תרצח" קאסט 10 סענט.

דער צווייטער טהייל „לא תרצח" קאסט 15 סענט.

ביידע טהייל צוזאמען שיק איך פיר 25 סענט פארטא פרייא.

צו בעקומען אין אללע בוכהאנדלונגען אויך ביים פערלעגער

ב. ראבינאוויטץ,

398 גרענד
ניו יארק.

דאס דריטע ווערק פון

באקאטשיא

דיא

צווייא פארלאך

וועט איבערראשען יעדען לעזער

אללע געגנער פון באקאטשיא

האבען צוגעגעבען אז דאס בעסטע ווערק וואס דער גרויסער קלאססיקער האט געשריעבען איז

דיא צווייא פארלאך

ראס איז א ווערק וואס ענטדעקט דעם לעזער א בארג סודות פון דער מענשליכער געזעלשאפט

דיא צווייא פארלאך

איז בעארבייטעט אין אידיש פון דעם גרויסען שריפטשטעלער ד. מ. הערמאלין.

אללע וועלכע האבען געלעזען

„מאדאם באבעטא“ און „פאסקארעלא“

וועלען אהנע צווייפעל קויפען און לעזען

דיא צווייא פארלאך

באקאטשיא'ס ווערק קאסטען צו 10 סענט פער עקזעמפליאר.

פערלאג פון

ב. ראבינאוויץ,

398 גרענד סטריט, ניו יארק.

שוין ערשיענען פון מיין פערלאג דיא גרעסטע אידישע אפערא

חורבן ירושלים

און דער

ציון מארטש

פון דעם בעריהמטען אידישען מוזיקער און קאמפאזיטאר

ה. א. רוססאטטא

אם אשכחך ירושלים תשכח ימיני. ירמיהוס קינות, הערצרייסענדע מעלאדיען, נגונים פון חורבן, טרויערליעדער נאכ'ן בית המקדש, אידישע מוזיק ביים כותל המערבי, אידישע נגונים ביי דיא טייכען פון בבל, אומעטיגע טענער וועלכע קענען דורכלעכערען דאס אידישעס הערץ „איכה ישבה", „נפלה עטרת ראשי", „אלי ציון" „שבת נחמו" און צום סוף

א ציון מארטש

א ביסעל פרעהליכער, לעבעדיגער, מונטערער. אויפוועקענדיג אלע אידען פיר ציון און ירושלים אמת-אידיש מעלאדיש מיט פראכטפאלע בעגייסטערענדע ווערטער.

דער גרויסער קאמפאזיטאר ה. א. רוססאטטא האט זיך זעלבסט איבערטראפען.

עס איז איבריג צו ריהמען דיעזע קאמפאזיציאנען יעדער איד וועט זעלבסט פערשטעהן אז „חורבן ירושלים" און דער „ציון מארטש" פון ה. א. רוססאטא זיינען פערלען אין דער מוזיקאלישער ליטעראטור.

דיא גאנצע אפערא צוזאמען מיט'ן „ציון מארטש"

פיר געזאנג און פיאנא פרייז $1.25

דיא גאנצע אפערא פיר וויאלין 50 סענט.

פערלאג פון

B. RABINOWITZ, 398 Grand Street, N. Y.

ב. ראבינאוויטץ, איז דער איינציגער פאבלישער פון אלע אידישע מוזיק פיר פיאנא און וויאלין.